בלומינגראוו

# שטימע

BLOOMING GROVE VOICE

די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' עקב תשפ"א
Vol. 26-A

United Jewish Community of Blooming Grove


שב"ק פרשת
**עקב**
כ"א אב תשפ"א

זמנים

הדלקת הנרות
**8:00**
סו"ז קריאת שמע
**8:50**
זמן מוצש"ק
**9:26**

---

4

## היינטיגן דאנערשטאג עקב הבעל"ט

## ענדגילטיגע "פובליק הירינג" אנבאלאנגט לאנג - ערווארטעטע טוישונגען אין "זאונינג" פאר בתי מדרשים און קהילות לטובת כל בני העיר

---

2

וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים - וְנִבְנְתָה עִיר עַל תִּלָּהּ!

## צוויי יאר, בלומינגראָוו אַנאַיינעם!

פון ענגשאַפט, דיסקרימינאציע און אָפענע רדיפות
צו אַ בליענדע פּרעכטיגע עיר ואם בישראל לשם ולתפארת

---

44

היסטארישער דורכברוך:

## ציבור איז איינגעהילט אין א ווארימע שטימונג מיטן אנהויב פונעם איפבוי פון דעם לאנג-ערווארטעטן נייעם "רמב"ם עירוב" פארן גאנצן שטאט

---

8

## כראנאלאגיע

כראָנאָלאָגישע איבערזיכט

- די אינטענסיווע שתדלנות לטובת הכלל והפרט, די פּאַקטישע שריט דורכגעפירט למען הציבור והיחיד, און די אָנגייענדע פעולות לטובה פאַר'ן צוקונפט פון אונזער באַליבטע שטאָט
- פון זומער **תשע"ט** צו זומער **תשפ"א**

---

26

## ווילעדזש בולעטין

נייעס • אפדעיטס • אנטוויקלונגען • נאָטיצן

---

34

היסטארישע און הארץ - דערפרייענדע ערשיינונג;

## פּראַכטפולע "חתונה זאַל" וועט געבויעט ווערן אין בלומינגראוו צו אקאָמאָדירן אידישע שמחות

---

37

וְכָל הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְהַלֵּל עַל הוּסַד בֵּית ה'!

## "הרחבת גבולי הקדושה" אין זאבליטובער הויף מיטן אנהויב פון קאנסטרוקציע צו איפבויען דעם פרעכטיגן בית המדרש החדש המפואר

---

38

כִּי אֲנַחְנוּ יַחַד נִבְנֶה לַה' אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

## גרויסארטיגער מעמד "הנחת אבן הפינה" פארגעקומען זונטאג עקב העעל"ט אין וויזניץ-בלומינגראוו הויף אין סאמע ברען פון אנגייענדע קאנסטרוקציע אויפצובויען 2 פרעכטיגע בנינים פאר די ישיבה גדולה וקטנה

---

36

## אפיציעלע "פּלענס" אפּראווד בס"ד פאַר פּערמענאנטע "חברה הצלה" גאַראַזש אין בלומינגראוו

---

4

## פייער סעיפטי טרעינינג - סמאוק דעטעקטאר דרייוו - פריי פון אפצאל

וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים - וְנִבְנְתָה עִיר עַל תִּלָּהּ!

# צוויי יאָר, בלומינגראָוו אינאײנעם!

## פון ענגשאַפט, דיסקרימינאציע און אָפענע רדיפות
## צו אַ בליענדע פּרעכטיגע עיר ואם בישראל לשם ולתפארת

ברוכים אתם לה' האַרציגע ברודער, גוטע שכינים און ידידים, תושבי עירינו המעטירה שיחי'!

ס'איז אונז א זכות, אַן עהרע און אַ פריוועליגיע, נאכאמאל זיך צו באגריסן, צווישן די שפאלטענעם פון דער "שטימע". די ברודערליכע פלאטפארמע פון אונזער באליבטע שטאט, בלומינגראוו, וואָס בליעט מיט אזא שיינקייט און שטאלץ, אין אַלע הינזיכטן און אַספּעקטען, לשם ולתפארת ולתהלה.

איבערהויפּט איז עס אַן אמת'ער "דבר בעתו מה טוב", שטייענדיג אַצינד שבת נחמו שנת תשפ"א לפ"ק, ווען אָט ווערט אָפּגעצייכנט דער "מקץ שנתיים ימים", צוויי קיילעכיגע יאָר זינט יענעם ליל שישי ווען היסטאָריע איז געשאַפן געוואָרן אין בלומינגראוו, מיט'ן אויפקום פון דעם פאַראייניגטן אידישן באָורד, וואָס האָט אין די קורצע צוויי יאָר ב"ה דראמאטיש געטוישט די מאפּע פון די היימישע בלומינגראוו צום גוטן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

★ ★ ★

צוויי יאָר יו. דזשעי. סי.

מה נשיב לה' כל תגמולוהי עלינו!

"צו גוטס", זאָגט די וועלט, "געוואוינט מען זיך זייער שנעל איין"... און צווישן אונז גערעדט, האָט עמיצער זיך געקענט פאָרשטעלן מיט צוויי יאָר צוריק אַז זומער תשפ"א לפ"ק וועלן מיר זיך געפינען אין אַ פולקאָם אידישן ווילעדזש, וואָס ווערט געפירט און באַגלייט דורך היימישע לאָקאַלע תושבי העיר מיט אידישע הערצער?

עס גערענקט זיך גוט וויאזוי דער געווענליכער שמועס אין ביהמ"ד, די געשפרעך צווישן שכינים און די אַלגעמיינע אַטמאָספערע אין בלומינגראוו איז בעיקר געווען געווידמעט צו זיך באַקלאָגן אויף די פילזייטיגע תלאות, פלאָג און עגמת נפש, וואס תושבי העיר זענען פאראיבער. מען האָט כסדר באַדויערט די לאגע, מען האָט גערעדט מיט ווייטאָג וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אלע שוועריגקייטן.

די גרעסטע אָפּטימיסטן, די בעסטע פּאָראוים- שאַצער, האָבן נישט געקענט פאָראויסגעזען אַזאַ פריידיגע עתיד, אז בלויז צוויי יאָר שפעטער, וועט דאָס בלומינגראווער אידנטום ווערן פאַרטרעטן דורך "פיר" היימישע טראָסטים און אַ סימפּאַטישער מעיאָר מיט אידישע געהילפן. קיינער האָט דאָס נישט געקענט גלייבן דעמאלט אז די אלעליידן און שיקאנירונגען דורך אונזערע ערוויילטע אינסטאנצן, וועלן מיט צוויי יאָר דערויף זיין בלויז נאך א בייזע קאשמאר וואס מען פארציילט שוין היינט אלס טייל פון די כמעט - פאַרגעסענע היסטאָריע. היפלא מה' דבר?

★ ★ ★

**כִּי זֶה שְׁנָתַיִם בְּקֶרֶב הָאָרֶץ!**

לאָמיר עס אַלע מודה זיין, טייערע ברודער און שכינים, אַז מיט א בליק אויף צוריק, ווען מען האט אנגעהויבן מיט די שתדלנות למען הכלל יענעם ענדע זומער שנת תשע"ט לפ"ק, און מען האט געקוקט אויף די טרוקענע ציפערן, האט די לאגע אינגאנצן נישט אויסגעקוקט אזוי שיינענדיג בדרך הטבע... עס איז געשטאנען פאר אונז א ביטער שווערע פארמעסט מיט נישט אזעלכע פליענדע רעזולטאטן...

ציניקער האָבן געשמייכלט, סקעפּטיקער האָבן געקווענקלט, גוטע פריינד האָבן געראָטן אַז בלומינגראוו זאָל נישט אָנהויבן מיט דעם אַלט געזעסענעם פּאָליטישן מאַשין וואָס האָט דאָ געהערשט און איז געווען טיף איינגעוואָרצלט מיט שנאת ישראל. "נבול תבול" האָבן אידן רעקאָמענדירט...

ווייזט אָבער אויס אַז דער זכות פון אידישע אחדות האָט עפּעס אַ כח אין הימל...

מיט'ן כח פון אחדות ושלום און אודאי בכוחו ובזכותו של אותו זקן, רבינו הק' מסאטמאר זי"ע, מייסד קרית יואל, האָט אייגנטליך האָט פּאַסירט דער נס...! ס'איז צושטאַנד געקומען אַ מלכות של חסד, א פריינטליכע ווילעדזש אדמיניסטראציע, וואס ארבעט האנט ביי האנט צו ארויסהעלפן יעדן יחיד און יעדן רבים, באגלייט מיט דעם פאראייניגטן כח העסקנות, די "יו. דזשעי. סי.", וואס איז אויסגעשטיגן אלס אן אפיציעלע וואונדערליכע קערפערשאפט צו העלפן תושבי העיר מיט אלע זייערע געברויכן, און אנפירן מיט אלע אנגעלעגנהייטן פון א אידישע שטאט לשם ולתפארת.

מיר זענען עס ב"ה אַלע עדות, וויאַזוי דורכאויס די פאַרלאָפענע צוויי יאָר גייט נישט פאראיבער קיין טאג, וואס עס ווערן נישט געטון וויכטיגע שריט צו העלפן און צעמענטירן דעם גליקליכן עתיד פון אונזער שטאט.

עס גייט נישט פאראיבער קיין וואך, וואס עס ווערט נישט דורכגעפירט פרישע נאבעלע פעולות למען הכלל והפרט, צו געבן פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן צופרידענעם לעבנסשטייגער, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה, בסייעתא דשמיא.

אודאי פאסירט נישט אלעם גלייך אויפ'ן ארט. עס פארשטייט יעדער בר דעת אז א ווילעדזש וואו יעדע געזעץ איז געווען אויסגעשטעלט מיט א דירעקטן ציל צו ענג מאכן פאר די אידישע איינוואוינער, א ווילעדזש מיט אַן אינפעסטראקטור פון א דריטע וועלט לאנד, און א ווילעדזש וואס איז אינפאך געשלאפן אין א פאראליזירטע צושטאנד דורכאויס אלע יארן, קען נישט אלעם ווערן איבערגעדרייט און דורכגעפירט איבערנאכט.

זאכן נעמען נאטורליך אסאך צייט, אפטמאל אסאך מער צייט ווי מען קען זיך פארשטעלן. מען דארף דורכגיין צענדליגער שטאפלן ביז מען דערגרייכט רעזולטאַטן פאר יעדע איינציגע פעולה וואָס מען וויל דורכפירן. איבערהויפט ווען עס דארף ווערן גענומען אין באטראכט אלע לעגאלע קאנסקעווענצן און פאליטישע מאכנאוואציעם בהשכל ובדעת.

> **עס גייט נישט פאראיבער קיין וואך, וואס עס ווערט נישט דורכגעפירט פרישע נאבעלע פעולות למען הכלל והפרט, צו געבן פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן צופרידענעם לעבנסשטייגער, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה, בסייעתא דשמיא.**

אבער דאס איז אמאל זיכער אז דער הערליכער צוקונפט פון בלומינגראוו איז היינט פאר יעדן קלאר, אלס אן עיר ואם בישראל, א "וועלט'ס - וואונדער" וואס ווערט באטראכט דורך אלע היימישע געגנטער מיט אפענע קנאה, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעם אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה דירעקט און אומדירעקט פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואו יעדער "יחיד" איז א גלייכער טייל אין דעם געבענטשן "רבים", מיט דער באגלייטונג און ברכה פון די חשוב'ע רבני העיר שליט"א.

★ ★ ★

פון די שענסטע און הערליכסטע פאַקטאָרן פון דעם היסטאָרישן טויש אין דער שטאָט איז בלי ספק דער הייליגער כח התורה וואס האָט אַלעם באגלייט פון די ערשטע מינוט. די ערנסטע, רוחניות'דיגע און רבני'שע הנהגת העיר, דורך די חשוב'ע רבנים, דיינים, מורי הוראות, וואס האבן אנגענומען די זאך דא מיט'ן פולסטן אחריות.

דאס האט זיך דערקענט שוין באלד ביי דער ערשטער אסיפת הרבנים ווען אלע רבני העיר זענען געזיצן אינאיינעם און דן געווען בכובד ראש לענגערע שעות את המעשה אשר יעשון, פארשטענדליך אז ס'איז פארהאן ע' פנים לתורה אבער דאס איז געווען קלאר ביי יעדן, אז לטובת כולנו, פאר די תועלת פונעם ציבור און פאר די תועלת פון יעדן יחיד, דארף מען זיך דא צאמנעמען און ארויסקומען פאראייניגט למען שלום העיר, למען עתיד העיר, ולמען הרחבת גבולי הקדושה.

ועל כולם האבן מיר פון די ערשטע מינוט געהאט די גרויסע זכי' אז דער איש על העדה, נשיא אלקים בתוכינו, כ»ק מרן אדמו»ר מזמיגראד שליט»א, וועלכער איז עינו ולבו כל הימים פאר די הצלחה פון אונזער שטאט, האט זיך ממש ארייגעלייגט בכל לבו ונפשו צו באגלייטן די געטרייע עסקנים, בעצה ותושי', בהדרכה ובברכה, דורכאויס די גאנצע צייט זינט דעם אנהויב ביז'ן היינטיגן טאג, על כל פרט צעד ושעל.

מען איז געשטאנען און געשטוינט וויאזוי ס'איז ב»ה פארהאן אזא אויסטערלישע רבני'שע און רוחניות'דיגע אחריות און אויטאריטעט, אויף א פארנעם וואס מען איז נישט געוואוינט אפילו אין די גרויסע אידישע שטעט און געגנטער, אז אזויפיל היימישע רבנים, פון אלע קהלות, זאלן זיך פאראייניגן און ארויסקומען מיט א החלטה כולם פה אחד צו מחזק זיין די ניי – געגרונדעטע «יו. דזשעי. סי.» פאראיין.

דאס האטווירקליך פארגעזעצט דורכאויס די גאנצע תקופה ווען מען האט זיך נישט גערירט אן דעם דעת תורה הברורה פון די גדולי הרבנים שליט"א, והיינו דאהני' לן אז מען האט ב»ה דערגרייכט עד הלום, מיט אזא געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא.

★ ★ ★

**הֲיִפָּלֵא מֵה' דָבָר, לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה!**

אייגנטליך איז צוויי יאר טאקע א פאַרהעלטנסמעסיג -קורצע צייט, אבער ווען מען באטראכט די פילזייטיגע פעולות לטובה וואס איז שוין דורכגעפירט געווארן אין אט די קורצע צייט, קומט אויף אן אמת צום שטוינען. און אייגנטליך איז עס גאר קיין וואונדער נישט, ווייל די צענטראלע און איינציגע מטרה פון די קאמיטע איז פאקטיש געווען און פארבליבן בלויז איין מיסיע: "יעדער איד אין בלומיגראוו זאל וויסן אז ער ווערט יושר'דיג פארטרעטן דורך די שלוחי הציבור און ווען ער האט סיי וועלכע פראבלעם איז דא אן אוזן קושבת וואס איז אים גרייט צו העלפן".

און בלומינגראווער אידן שפירט עס זייער גוט. מען ווייסט אז ס'איז שוין דא צו וועמען צו רעדן, ס'איז שוין דא ווער עס איז גרייט צו שתדל'ן און עוסק זיין בצרכי ציבור להנאתם וטובתם, און ס'איז דא א פאראיין וואס טוט פארטרעטן און רעפרעזענטירן דעם כח היחיד פונקט ווי דעם כח הרבים, וחפץ ה' בידם, בידינו, הצליח למעלה מן המשוער.

אַצינד, לעת תקופת השנה, ווען דאָס האַרץ זינגט מיט אַ געזאַנג פון שיר ושבח פאַר'ן הייליגן באַשעפער, לאָמיר אלזא, טייערע ברודער און שכינים, כאפן א שטיקל בליק טון אויף צוריק... לאָמיר זיך עראינערן און זיך דערמאנען כאטש א טייל פון די געבענטשטע אקטיוועטעטן, די פעולות לטובה, וועלכע האבן אלע אינאיינעם פארמירט א נייע צוקונפט פאר אונזער געגנט, מיט נאך מער א לעכטיגן עתיד, ברוב סייעתא דשמיא ועזר ממעל, מחיל אל חיל.

# דאנערשטאג עקב הבעל"ט:

# ענדגילטיגע "פובליק הירינג" אנבאלאנגט לאנג ערווארטעטע טוישונגען אין "זאונינג" פאר בתי מדרשים און קהילות לטובת כל בני העיר

## לעצטע און ענדגילטיגע "פובליק הירינג" וועט האפנטליך באשטעטיגט ווערן און אפשטימען דעם פאזיטיוון טויש אינעם געזעץ - וועט ענדליך ערלויבן א פריידיגע איבערבייטערונג פון אידישע הייזער און בתי מדרשים להרחיב גבולי הקדושה בעוז ותעצומות

די וואך דאנערשטאג עקב ולמספרם 29 יולי קומט פאר דער לאנג ערווארטעטער פובליג הירינג פאר די "האוזעס און ווארשיפ" געזעץ, וואו ס'וועט פארקומען די 'פיינעל פובליק הירינג', ווי אויך וועט אפגעשטימט ווערן דאס לאנג ערווארטעטע ערלויבעניש צו קענען ארויסבויען עקסטענשאן'ס אין גאנצן שטאט.

די עסקנים קוקן ארויס אויף א גרעסערע באטייליגונג פון תושבי העיר וועלכע זאלן ארויסקומען צייגן שטיצע פאר דעם געזעץ אויף וואס מיר האפן שוין אזוי לאנג און אז די יעניגע פון אינדרויסן זאלן נישט מאכן קיין לעצט-מינוטיגע העצע און מאכענאציעס קעגן דאס געזעץ, איבערהויפט שטייענדיג ביי אזא ענדגילטיגן מאמענט איז קריטיש וויכטיג צו האבן אן איבערוויגענדע מערהייט פון סימפאטישע אנוועזנהייט אויפ'ן ארט.

ווי ערווארטעט וועט זיכער זיין דארט פון די פרעסע צי פון אונזערע שכנים, ממילא איז גאר וויכטיג אז ס'זאל ארויסקומען א גרויסער ציבור און אויסדרוקן זייער שטיצע ביי פאר'ן געזעץ און סיי פאר'ן ווילעדזש אז מען טוט די ריכטיגע זאך, און די זאך דורכגעפירט ווערן אן קיין שום שטער.

דער פראצעדור ארבעט אז נאכדעם וואס דער ווילעדזש באורד וועט בעז"ה אפשטימען דעם געזעץ לטובת דעם טויש אין זאונינג, וועט דאס געשיקט ווערן צו די סטעיט וואס דארף דאס דאקומענטירן און אפיציעל באשטימען אין די סטעיט רעקארדס, וואס איז האפנטליך א קורצע פראצעדור וואס געדויערט בלויז געציילטע טעג.

ברוך השם, הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו אז מען האלט שוין דא.

*

**די פובליק הירינג וועט פארקומען דאנערשטאג עקב, 8:00 אווענט שארף, אין "ווילעדזש האלל", זייט אייך אלע משתתף פאר אונזערע אייגענע צוקונפט, פאר אונזערע בתי מדרשים, פאר אונזערע הייזער, פאר אונזער שטאט! ויהי בונה עיר, ובשם ד' נעשה ונצליח!**

# פייער סעיפטי טרעינינג - סמאוק דעטעקטאר דרייוו - פריי פון אפצאל

אין ליכט פון פארגאנגענע מאורעות פון פייערס וואס האט זיך געענדיגט מיט פאטאליטעטן השם ישמרנו, האט דער ווילעדזש אונטערגענומען אן איניציאטיוו אינאיינעם מיט די אלעמען באקאנטע ארגאניזאציע די American Red Cross ווי דער ציבור קען זיך איינשרייבן פאר א פייער סעיפטי קאורס און ווי אויך פאר פרייע סמאוק דעטעקטארס.

די ארגאניזאציע וועט אראפשיקן זייער פייער סעיפטי עקספערטן צו די הייזער פון די אפליקאנטן, צו געבן די נויטיגע טרעינינג און רעקאמענדאציעס, לויטן מצב און אויסשטעלן פון די וואוינונג על כל צרה שלא תבוא, און ווי אויך צו אינסטאלירן סמאוק דעטעקטארס פריי פון אפצאל.

די גאר וויכטיגע 'טרעינינג-פראגראם' וועט אייך בעזרת השם לערנען ווי אזוי צו האנדלען אין די קריטישע סעקונדעס און מינוטן אין פאל פון א פייער ח"ו, און קען אייך העלפן ראטעווען לעבנס און פארמיידן אומגעהויערע געלט שאדנס.

**זיך איינצושרייבן אין דעם פראגראם רופט אין ווילעדזש אפיס 845.782.2600 במשך די שעות פון 9:00 ביז 4:00 מאנטאג ביז פרייטאג כדי זיך צו רעגיסטרירן אין די Red Cross Fire Safety Program.**

אם ד' לא ישמור עיר שוא שקד שומר.

# Village of South Blooming Grove

## August - September 2021 Calendar

**Business hours Monday through Friday 9am - 4pm**

**Phone: 845.782.2600 • Email: Clerk@VOSBG.com**

| Day | דאטום | Date | Meeting | Time |
|---|---|---|---|---|
| **Thursday** | ה׳ עקב \| כ׳ אב | July 29,2021 | Public Hearing on Proposed Local Law | 8:00 |
| **Monday** | ב׳ שופטים \| א׳ אלול | August 9,2021 | Village Board Meeting | 8:00 |
| **Thursday** | ה׳ שופטים \| ד׳ אלול | August 12,2021 | ZBA Meeting | 7:30 |
| **Thursday** | ה׳ תצא \| י״א אלול | August 19,2021 | Planning Board Meeting | 8:00 |
| **Thursday** | ה׳ תבא \| י״ח אלול | August 26,2021 | ZBA Meeting | 7:30 |
| **Monday** | ערב ר״ה תשפ״ב | September 6,2021 | Labor Day - Closed | **Closed** |
| **Thursday** | צום גדלי׳ | September 9,2021 | ZBA Meeting | 7:30 |
| **Monday** | ב׳ האזינו \| ז׳ תשרי | September 13,2021 | Village Board Meeting | 8:00 |
| **Thursday** | יום כיפור | September 16,2021 | Planning Board Meeting | **Closed** |
| **Thursday** | א׳ דחוה״מ סוכות | September 23,2021 | ZBA Meeting | 7:30 |
| **Friday** | ב׳ דחוה״מ סוכות | September 24,2021 | Community Day | **11-7** |
| **Sunday** | ד׳ דחוה״מ סוכות | September 26,2021 | Community Day | **11-7** |

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Hershel Lowy**
*Board Secretary*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*

## אכטונג בלומינגראווער איינוואוינער

שטייענדיג ביי דעם היסטארישן מאמענט ווען עס ווערט ענדגילטיג דורכגעפירט

### דער לאנג - ערווארטעטער טויש אין "זאונינג געזעץ" פאר דעם ווילעדזש און טאון בלומינגראוו

א געזעץ אויף וואס מען ארבעט שוין לאנגע חדשים און אצינד האלט מען שוין אט ביים לעצטן שטאפל איידער דער פריידיגער טויש ווערט אפיציעל באשטימט אלס טייל פונעם געזעץ, ווי אויך גרייט מען זיך אין די קומענדיגע וואכן אנצוהייבן ארבייטן אויפן לאנג ערווארטעטן קאמפּרעהענסיוו מעסטער זאונינג פלאן פאר די קומענדיגע צענדליגע יארן בע"ה

**נאטורליך האבן איינוואוינער מערערע פראגעס און שאלות וואס מען וויל וויסן אנבאלאנגט די פרישע אנטוויקלונגען, מענטשן זענען פאראינטערעסירט צו הערן קלארע דעטאלן איבער די נייע עפאכע אין שטאט, דעריבער וועט אפגעהאלטן ווערן אן ערשטמאליגע**

## אינפארמאטיווע
# האוזינג
## לייוו-טעלע
## קאנפערענץ

**וואו עס וועט בעז"ה אדרעסירט און ברייט אויסגעשמועסט ווערן ווערן אלע דעטאלן ארום דעם טויש אין געזעץ, מיט אלע ערליי וויכטיגע אינפארמאציע וואס איז נוגע יעדן היים אייגנטומער אין בלומינגראוו**

**די קאנפערענץ וועט אפגעהאלטן ווערן אי"ה**
**ליל שישי ראה הבעל"ט בשעה 9:45**
**בביהמ"ד זמיגראד, חדר שני**

# ביישפילן פון אפט - געפרעגטע פראגעס
# וועלכע וועלן אדרעסירט ווערן ביים קאנפערענץ

- וויאזוי וועל איך פערזענליך בענעפיטירן פון דעם נייעם האוזינג געזעץ וואס ווערט אין די קומענדיגע טעג דורכגעפירט?
- וועלן די גינסטיגע טוישונגען אין געזעץ זיין בלויז נוגע פאר "האוזעס און ווארשיפ" אדער אויך פאר יעדן הויז אייגנטומער?
- ווען וועל איך קענען רענאווירן מיין בעיסמענט?
- איז שוין פארהאן א מעגליכקייט צו בויען אן עקסטענטשאן צו מיין עקזיסטירנדע הויז?
- קען מען צובויען א גאראדזש? א שעד?
- וועט זיין ערלויבט צובויען נאך א שטאק אויפ'ן הויז?
- קען איך אראפווארפן מיין הויז און בויען אויף דעם פראפערטי צוויי הייזער?
- וואס פארא סארט הייזער וועט זיין ערלויבט צו בויען אויף איין שטח?
- וויאזוי קען איך "סוב-דעווייזן" מיין פראפערטי?
- וויאזוי טו איך אפלייען פאר א בילדינג אפליקאציע?
- וויאזוי אפלייט מען פאר א "סוב דעוויזשן" אפליקאציע?
- וויאזוי אפלייט מען פאר א קאנסטראקשן אפליקאציע?
- ווי גרויס מעג זיין די 'פוט פרינט' פון מיין הויז אויף מיין פראפערטי?
- וואס זענען די לעגאלע "סעטבעקס"?
- וואס זענען די אויסזיכטן צו באקומען א "ווערריענס", אויב בין איך נישט אויסגעשטעלט לויט די זאונינג?
- ווען מען וועט מען קענען אנהויבן בויען אדער איבערבויען בתי מדרשים?
- וואס איז דער פראצעדור וואס מען דארף דורכפירן צו קענען אנהויבן בויען בתי מדרשים?

אט די אלע פראגעס, און דאס זעלבע אויב אויב האט איר סיי וועלכע ספעציפישע פראגע וואס איר ווילט אז דאס זאל אדרעסירט ווערן ביים קאנפערענץ, דאן ביטע לאזט איבער א קלארן מעסעדזש אויפ'ן נומער

# 845-237-4828 #0

אדער שיקט אן אימעיל צו

## Info@UJCofBloomingGrove.org

ס'איז אונזער האפענונג אז דער קאנפערענץ וועט זיין א תועלת פאר יעדן איינוואוינער מיט א ברייטן אויסקוק אויף די שיינע עתיד פון אונזער שטאט לשם ולתפארת

בכבוד רב

**United Jewish Community *of* Blooming Grove**

**ובשם ד' נעשה ונצליח**

# כראָנאָלאָגיע

## כראָנאָלאָגישע איבערזיכט

### אב אלול תשע"ט לפ"ק

- זומער תשע"ט לפ"ק. דער אידישער ישוב אין בלומינגראוו וואַקסט און ברייטערט זיך אויס בלעיה"ר, אָבער אידן אין **בלומינגראוו שפּירן ווי זיי געפינען זיך אין אַ פיינטליכע טעריטאָריע.** אַנטיסעמיטיזם און העצע קעגן אידן איז די נארמע, רדיפות קעגן אידן און אידישע אינטערעסן איז אַ רעגלסמעסיגע זעלבסט - פאַרשטענדליכע ערשיינונג, **ווען די גאַנצע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע איז איינגעשפּאַנט מיט אַלע קרעפטן און געלטער, בלויז צו אונטערדרוקן די אידישע איינוואוינער.**

- **אַ העסליכע אַטמאָספערע שפּירט זיך אויף טריט און שריט קעגן דעם "איד"**. בתי מדרשים ווערן פאַרפאָלגט און געקלאָגט אין לאַנג פאַרצויגענע געריכטן; פּלעי גרופּס ווערן פאַרשלאָסן; די "שאָטל" באָס גייט אַריבער שבעה מדורי גיהנום; עס איז אוממעגליך צו ערהאַלטן סיי וועלכע פּערמיטן צו רענאָווירן אָדער פאַרברייטערן אפילו דאָס מינדסטע סיי וועלכע הויז; די מינימאַלסטע סערוויסעס און געברויכן ווערן נישט צוגעשטעלט; אידישע הויז אייגנטומער ערהאַלטן הויכע שטראָפן פאר זינלאָזע "ווייאָלעישענס"; **דער ווילעדזש איז בלויז פאַרנומען מיט איין איינציגע מיסיע, וויאַזוי מען קען איינצוימען דעם אידישן וואוקס פאר יעדן פּרייז.**

קיין גרויסע האָפענונג זעהט זיך נישט אָן ביים ענדע פון דער טונעל. אָבער דאַן האָט עס פּאַסירט. מיט אַסאַך הימלישע סייעתא דשמיא.

- **דאָנערשטאָג דברים: ערשטמאָליגע און היסטאָרישע אסיפה אין זמיגראַדער ביהמ"ד, פאַראייניגט אַלע עסקנים פון דער שטאָט,**

























עלטערע און יונגערע פון אַלע קהלות און געגנטער, וואו **עס הערט זיך צום ערשטן מאָל דער אויסטערלישער וויי-געשריי איבער דעם** עקזיסטירנדן מצב, און די ברענענדיגע וויכטיגקייט, **די חובת השעה, צו** טון "עפּעס" פאַר'ן עתיד פון דער שטאָט.

- איינשטימונגע רעזאָלוציע פון שטורמישע אסיפה: עס דאַרף קריטיש **אויפגעשטעלט ווערן אַ היימישע "באָורד" פון בלומינגראווער איינוואוינער, וועלכע זאלן ווערן ערוועלט בלויז דורך בלומינגראווער איינוואוינער**, להנאתינו ולטובתינו.

- אויפ'ן אָרט ווערט פאָרמירט **דער "וועד הפּועל" מיט ענערגישע אינגעלייט**, וועלכע באַפאַסן זיך צו אַהערשטעלן די וואַלן וואו עס וועט אויסגעקליבט ווערן פאָרשטייער פאַר'ן באָורד.

- **אסיפת רבני העיר בבית הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א באַשטימט** פאַראייניגטע קריאת קודש פון אַלע רבנים צו אַריינוועלן אַ פאַראייניגטע

# • די אינטענסיווע שתדלנות לטובת הכלל והפרט, די פּאַקטישע שריט דורכגעפירט למען הציבור והיחיד, און די אָנגייענדע פּעולות לטובה פאַר'ן צוקונפט פון אונזער באַליבטע שטאָט

# • פון זומער תשע"ט צו זומער תשפ"א


# קריאה דחופה
## לטובת הציבור תושבי השכונה ועתידות שכונתינו בלומינגראוו יצ"ו

בס"ד

**אל מעלת כבוד אחב"י תושבי שכונתינו שיחי'**

הן כבר נודע בשערים בשבח המקום, שכונת בלומינגראוו יצ"ו, אשר זה איזה שנים מאז שקבעו שם יראים ושלמים, וחן המקום על יושביו, ובתקופה קצרה גדלו והצליחו וכהיום מונה מספר דיירי העיר לכמה מאה משפחות חשובות כ"י בליעה"ר, ועדים אנו על חסד השם כי גבר עלינו ובעזה"ה שכונתינו בלומינגראוו הולך ונבנית לשם ולתפארת למעלה מן המשוער, ותלי"ת אשר במשך התקופה הקצרה נתייסדו כמה וכמה בתי מדרשים, ומקוואות, בכל קצוי השכונה, וכן עוסקים בהרחבת גבולי הקדושה בכמה ענינים, וכן יעזור ה' להלאה.

בתודה על העבר, שברוב רחמיו וחסדיו יתברך הגיענו עד כה, ברם אי אפשר להעלים אשר במשך תקופה אחרונה כמה התרפקאות דעדי עלינו, אשר מפריע להרחבת גבולי הקדושה, הן להקהלות בבניית בתי מדרשים ומקוואות, והן ליחידים באופנים שונים, והן לדברים שהם לטובת הציבור ברוחניות ובגשמיות בקרב שכונתינו.

לכן קמו ואזרו חיל, תושבי שכותינו בשבת אחים גם יחד, ובעצה ובמשימה אחת נמנו וגמרו שכדי להקים ארגעניזאציע לאחד כל התושבים יחד, ע"י שיבחרו נציגי קהלות ושכונות להטות שכם אחד לטובת אחב"י, ולהשמיע קולינו בפני השלטונות בכח הציבור שנוכל להמשיך להרחיב גבולי הקדושה כאוות נפשינו.

**אי לזאת מבקשים בזה מכל תושבי העיר לעמוד לימין העוסקים בצרכי ציבור לחזקם ולעודדם, ולהעמיד וועד ע"י כח האיחוד של הציבור, ובכח האחדות יוכלו בעז"ה לעסוק ולפעול גדולות ונצורות לטובת אחב"י דרי העיר הזאת.**

**וכמו"כ כדי לבסס כח האיחוד בפני השלטונות, אנו מבקשים בזה שכל אחד ירשים (רעגיסטרירן) את עצמו ואת בני ביתו, ובע"ה נקוה שיטה לב המלכות עלינו לטובה, ויתקדש שם שמים על ידינו.**

ויה"ר שנזכה להמשיך בהרחבת גבולי הקדושה בכמות ובאיכות, בכלליות ובפרטיות, ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו, ובעז"ה בשיתוף פעולה של כל אחד ואחד ובכח האחדות, בשם ה' נעשה ונצליח, עדי נזכה בקרוב לבנין ציון וירושלים בביאת הגואל בב"א.

יום עש"ק פרשת עקב, לס' ואהבך וברכך והרבך תשע"ט לפ"ק

הק' יצחק מרדכי מייזעלס
אב"ד מאורות נתן ראדאוויטץ

*אפרים צבי שמילאוויטש
אב"ד קרעמניץ

יואל הלברשטאם
אב"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר, בלומינגראוו

אלעזר טייטלבוים
ראה"כ תורה ויראה דרב"י, סניף קליימער

ישראל אלעזר האלפערן
אדמו"ר מקאזניץ

אהרן דוד הורוויץ
בלאאמו"ר מספינקא זצוקללה"ה מזאבליטוב

יואל זוסמאן ראזענצווייג
מו"ץ התאחדות הרבנים

יחזקאל גרינפעלד
ראה"כ היכל הוראה דברי חיים צאנז זמיגראד

מאיר בערקאוויטש
רב בידמ"ד קארץ

יצחק אייזיק ראטענבערג
רב בידמ"ד קאזאווע

בידמ"ד קאזניץ

בידמ"ד פאפא

גם אנכי מצטרף לגודל נחיצות הענין ברוחניות ובגשמיות,
ויה"ר שתשרה שכינה במעשה ידיע
הק' סיני הלברשטאם
אבד"ק צאנז זמיגראד יע"א

* ידוע מאמר הח"ס איזהו חכם הרואה את הנולד ממה שנולד כבר והוכיח הנסיון תוקף הנחיצות לכח מאוחד בשכונתינו להגן בפני המצירים לישראל בנוגע לקיום התומ"צ ותקנת הישוב, ומבואר בחו"מ כי הנוגע לצרכי הישוב כופין זא"ז ובח"ס חו"מ עט מבואר שהיא מה"ת, ע"כ בודאי חיובא רמיא לכל יחיד להצטרף, וזכות הרבים המאוחד יעורר הכח מלמעלה לסייעתא דשמיא ושמירה עליונה להרים קרן התורה וכבוד שמים, ולהגן בפני כל המשטינים למעלה ולמטה עדי נזכה לביאת גואלינו צדקינו בב"א

כח פון עסקני הציבור אין שפּיץ פון דעם באָורד וואָס וועט פאַרטרעטן יעדן איינוואוינער אין דער שטאָט.

• עש"ק פרשת עקב: **זעלטענער רוף פון הגאונים וצדיקים רבני העיר שליט"א איז מעורר איבער דעם חיוב זיך צו רעגיסטרירן כדי צו קענען בעז"ה אויפטון דאָס ריכטיגע למען עתיד הישוב.**

• דאָנערשטאָג תבא: **מאַסן תושבי העיר נעמען אָנטייל אין יושר'דיגע וואַלן** וואו עס ווערן באַשטימט געקליבענע קרואי מועד אנשי שם, אַלס באָורד מיטגלידער צו פאַרטרעטן דעם ציבור אין דעם גורל'דיגן קאַמף פאַר אונזער צוקונפט.

## תשרי תש"פ לפ"ק

• אַלס ערשטע אונטערנעמונג דורך דעם פרישן "באָורד" ווערט אָנגאַזשירט **ספּעציעלע "יום טוב קאַרס"** סערוויס, מיט באַצאָלטע שבת גוים וועלכע פאַרן אַרום אין אַלע געגנטער צו אַרויסהעלפן דעם ציבור אין די ימי הסוכות תש"פ לפ"ק.



• **גרויסאַרטיגע רעגיסטראַציע דרייוו אונטערגענומען.** הר"ר אורי דייטש הי"ו באַגלייט גרויסן פראָיעקט צו רעגיסטרירן יעדן תושב העיר, פאַר אונזער אייגענע הנאה.









## חשון תש"פ לפ"ק

- אַלעמען באַליבטע **שאָטל באָס** וואָס האָט באַגלייט די איינוואוינער טעג טעגליך מיט אַזאַ געטריישאַפט ווערט **פערמענאנט פאַרשלאָסן און אָפּגעשטעלט, נאָך לאַנגע חדשים פון שיקאַנירונגען און רדיפות** דורך די העסליכע ווילעדזש באַאַמטע.

- איבערמידליכע פעולות און אונטערוועגן פון געטרייע עסקנים שטויסט זיך אָן אין **העסליכע ווידערשטאַנד פון סאַמע העכסטע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע פירער**, וועלכע זענען אַנטשלאָסן צו פאַרמאַכן דעם שאָטל פאר יעדן פרייז, ווי אָפיציעלע דאָקומענטן צייגן אַז **צענדליגער טויזנטער דאללארן, געלט פון שטייער צאָלער, זענען געשפענדט געוואָרן פאר אַדוואָקאַטן און לעגאַלע שריט צו באַקעמפן דעם שאָטל.**

◆ ◆ ◆

- נאָך אַ לענגערע תקופה וואָס היזיגע איינוואוינער האָבן געליטן פון די פאַרקינג רעגולאַציעס אין די ווינטער חדשים האָט די יו. דזשעי. סי. **באַוויזן צו טוישן דעם סטאַטוס און ערלעדיגן ספעציעלע "פאַרקינג פערמיטן", פאַר ספעציעלע פארזאמלונגען ווי שמחות און מסיבות.**




- סיי ווען איינער פון די איינוואוינער נויטיגט זיך אין אַ דרינגענדע פאַר קאַרס צו קענען פאַרקן אַרום זיין הויז אד"ג, קען מען זיך מעלדן צום באָורד וואָס ערלעדיגט דעם פערמיט ביי די אינסטאַנצן, אָן קיין עגמת נפש.

◆ ◆ ◆ ◆

- ליל שישי חיי שרה: **מאַסיווע**




**רעגיסטראַציע דרייוו ברענגט צוזאַם די גאַנצע שטאָט.** עס ווערט פאַרטיילט קינדער מתנות פאר אַלע פרישע רעגיסטרירטע און די איינוואוינער באַקענען זיך מיט דעם ניי – געשאַפענעם באָורד.

## כסלו תש"פ לפ"ק

- שב"ק פרשת ויגש - **די ערשטע שטימע אויסגאַבע ערשיינט! די** פלאַטפאָרמע פאר יעדן יחיד פון תושבי העיר ווערט באַגריסט מיט אויסטערלישע אינטערעסע ביי אַלעמען.

◆ ◆ ◆

- נאָך שוידערליכע דזשערסי סיטי אַטאַקע ווערט אָפּגעהאַלטן דערפאָלגרייכע זיצונג מיט'ן פאָליציי-שעף איבער וואַך און סעקיוריטי. מען קניפּט ב"ה אן גוטע **באַציאונגען מיט פאָליציי באַאַמטע** וואָס ברענגט געוואונטשענע רעזולטאַטן אויף אַלע פראָנטן פאר די תועלת פון אחבנ"י תושבי העיר.

◆ ◆ ◆ ◆

- **היסטאָרישע אסיפת הרבנים בביתו נאוה קודש פון כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א, ערב שב"ק חנוכה, וואו** רבנים הגאוה"צ שליט"א זענען דן במשך לאַנגע שעה'ן מיט אויסטערלישער ערנסטקייט און אחריות כל פרט ופרט פון די אופני השתדלנות.


United Jewish Community of Blooming Grove
Hotline: 845-237-4828 • Email: unitedsbg@gmail.com

בס"ד
ערב שבת פרשת נח תש"פ לפ"ק

**פאַרקינג רעגולאַציעס**

מיר ווילן דערמאנען דעם ציבור אז היינט פרייטאג ולמספרם **Nov. 1** גייט אריין אין קראפט די יערליכע ווינטער פארקינג רעגולאציעס, דהיינו, עס איז פארבאטן צו פארקן אויפן ראוד ביז **April 15**.

והתורה חסה על ממונם של ישראל!

דער באורד איז אין קאנטאקט מיטן ווילעדזש אויסצואַרבעטן א מהלך אז מען זאל קענען פארקירן ביי די בתי מדרשות און ביי פעלער ווי עס קומען פאר שמחות וכדומה.

**שאטעל באס**

מיט ווייטאג ווילן מיר מודיע זיין דעם ציבור אז דער ריכטער האט די וואך גע'פסק'נט אפצושטעלן די שאטעל באס לעת עתה.

דער באורד איז אין פארבינדונג מיטן ווילעדזש און מיט לעגאלע עקספערטן צו ארלעדיגן בכל אופן אז דער שאטעל באס זאל ווי אמשנעלסטן ווייטער קענען אנגיין אומגעשטערט.

פאלגט נאך ווייטערדיגע מודעות, ובשם ה' נעשה ונצליח!

**מיר ווילן אייך דערמאנען אז אויב זענט איר נאכנישט רעגיסטרירט זאלט איר תיכף רופן ר' אורי דייטש הי"ו אויף 845.662.9409 בכדי זיך מסדר צו זיין ווי אמשנעלסטן.**

נעמט עס נישט פאר לייכט, אינעם קורצן עבר זענען וואלן אין היימישע געגענטער געווארן דעציידירט מיט אונטער קארגע צען שטימען!!!

בברכת שבת שלום ומבורך
United Jewish Community of Blooming Grove


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Weiss, Chaim Gluck, David Kraus, Hershel Lowy, Mordche Holtzer, Moshe Halpern, Shia Bitman, Board members

בס"ד, ערב שבת חנוכה, תש"פ לפ"ק

מחיל אל חיל

**פאַרקינג אַפּדעיט**

**ביי די בתי מדרשים**

**ערלויבעניש פאַר פאַרקינג פאַרנט פון די בתי מדרשים**

ביהמ"ד סאטמאר 1 - ראונאוק
ביהמ"ד זאבליטוב 43 - מעריוואלד נט.
ביהמ"ד קאריץ 20 - דאללאס
ביהמ"ד ראדאוויץ 19 - סיערס

**די ערלויבעניש איז בלויז אויף די דעזיגנירטע ערטער, און מיר בעטן דעם ציבור זיך צו האלטן צו די רעגולאציעס, און בלויז פאַרקירן צום ריכטונג פונעם טראַפיק פאַרקער, און זעלבסטפארשטענדליך נישט בלאָקירן דרייוועיס פון שכנים.**


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Weiss, Chaim Gluck, David Kraus, Hershel Lowy, Mordche Holtzer, Moshe Halpern, Shia Bitman, Board members

בס"ד פרשת ויגש תש"פ לפ"ק

פרילינג מלדונג

**רעפלעקטאר ונשמרתם דרייוו**

**מיט'ן ציל אז אנשים נשים וטף זאלן אין די נאכט שעות גיין מיט רעפלעקטארס**

**העכער טויזענט רעפלעקטארס בחינם**

**אין די גרעסערע בתי מדרשים**


United Jewish Community of Blooming Grove
Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Weiss, Chaim Gluck, David Kraus, Hershel Lowy, Mordche Holtzer, Moshe Halpern, Shia Bitman, Board members

בס"ד
ערב שבת קודש לסדר והיה המחנה הנשאר לפליטה תש"פ לפ"ק

COMMUNITY ASSISTANCE DIVISION

אין שאטן פון די שוידערליכע טראגעדיע די וואך ביי אחינו בשרינו תושבי זשערסי סיטי לא עלינו השם ירחם, האט דער באורד זיך פארשטענדיגט מיט די אינסטאנצן, און

**עס וועט זיין לעת עתה א שטארקע פאליציי אנוועזנהייט בתוככי שכונת בלומינגראוו און ספעציעל ביי די בתי מדרשים**

והוי מתפלל בשלומה של מלכות! דער טשיעף פון די פאליציי איז גאר שטארק אנטקעגן געקומען מיט די איצטיגע פארלאנגען און ארויסגעוויזן ספעציעלע סענסיוויטעט כלפי דעם מצב.

בברכת שבת שלום ומבורך
United Jewish Community of Blooming Grove



• רבנים שליט"א קומען אַרויס מיט די קלאָרע הכרעה וויאַזוי דער היימישער ציבור זאָל זיך רעפּרעזענטירן און אַרויסשטעלן פאַרטרעטער אין דער לאָקאַלער רעגירונג, כדי אויסצוקעמפן אונזערע רעכטן און פארזיכערן אז מיר ווערן נישט באַקריוודעט בעז"ה פון די עלעמענטאַרע געברויכן צו וואוינען דאָ אין שטאָט.

✦ ✦ ✦

• האַספּולע ווייאָלעישאָנס קעגן אידישע איינוואוינער פאַר'ן "זינד" פון בויען מחיצות אַרום די שווים-באַסיינען ווערט גענצליך אַנולירט, **נאָך העפטיגע אינטערווענצן פונעם "יו.זשעי.סי." אַדוואָקאַט**, וועלכער האָט קלאָרגעשטעלט אַז דער דיסקרימינירנדער אומרעכט וועט באַקעמפט ווערן ביז צו דער ענדע.

## טבת תש"פ לפ"ק

• ביי די חודש'ליכע ווילעדזוש מיטינג פאַר'עקש'ן זיך די געוועזענע ווילעדזש באַאַמטע ווייטער צו פירן דעם געריכטליכן קאַמף קעגן דאָס ביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר רינאָוקע.

• דאָס זעלבע ווערט געמאָלדן די האַרטנעקיגע מעלדונג אַז "בלומינגראָוו שאָטעל" פאַרבלייבט ווייטער פאַרהאַקט און געשטראַנדעט, צום ווייטאָג פון תושבי העיר.

✦ ✦ ✦














• יו. דזשעי. סי. עררייכט אַן אָפּמאַך מיט די פּאָליציי באַהערדע צו אויסצואַרבעטן **אַ באזונדערע 'פּארקינג פערמיט' וואס זאל אפיציעל ערלויבן דאס פּאַרקירן ביי די בתי מדרשים אין די באַשטימטע צייטן ווען די טעגליכע תפלות זענען אין קראַפט**, אַ זאַך וואָס איז ביז דעמאָלט נישט געווען געזעצליך און גורם געווען אַסאַך עגמת נפש פאר מתפללים וועלכע האָבן ערהאַלטן טיקעטס.

✦ ✦ ✦

• שבת קודש פ' יתרו איז ענדליך **צוריק געעפענט געוואָרן די וויכטיגע "שאָרט קאָט"** וואס טראָגט דורך צווישן די "מענגין" און "גרין" גאַסן, און פאַרבינדט די צוויי געגענטער פון "וואָרלי הייטס" און "קעפּיטאַל היל".

• נאָכדעם וואָס דער שאָרטקאָט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן צוליב די שוואַכע זיכערהייטס אומשטענדן, האָט די יו. דזשעי. סי. זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם גאָר קאָסטבאַרן פּראָיעקט. מ'האט סיי **אויפגעבויעט דעם דאַך ווי געהעריג, אינסטאָלירט די שטאַנדהאַפטיגע צוימען, אריינגעשטעלט שיינע דויערהאפטיגע לעקטערס** עס זאל זיין לעכטיג ווען מ'גייט אריבער, און אויספלאסטערט דעם וועג מיט שטיינער.


BLEAKLEY PLATT

## שבט תש"פ לפ"ק

• העכסט געלונגענע **"אסיפת עסקנים" אפגעהאלטן געוואָרן ליל שישי פ' יתרו**, ווען אַ הערליכער ציבור פון אומגעפער 60 תושבי העיר, מיט א געפיל און הארץ פאר "עסקנות", זענען געזעסן פארזאמלט ארום די טישן, און אינאיינעם פארברענגט באהבה ואחוה שלום וריעות.

• פאר א לענגערע צייט האָט מען געהערט די רעפּעראטן פון די ראשי העסקנים, און צווישן זיך אויסגעשמועסט גאָר וויכטיגע פּונקטן איבער דרינגענדע טעמעס וואָס שטייען יעצט אויפ'ן "סדר היום" אין אונזער שטאָט.

✦ ✦ ✦ ✦

• אויך ביים שוועל פון די בעפארשטייענדע וואלן איז דער געוועזענער מעיאָר נישט גרייט צו פאַרהאַנדלען מיט די היימישע שתדלנים. **ער זעצט פאָר מיט די העסליכע אַטאַקעס קעגן אידישע איינוואוינער און**








וויל זיך נישט אונטערנעמען
קיין שום תנאי צו אָפּשטעלן די פילע פאַרפאָלגונגען קעגן דעם ציבור און קעגן אונזערע בתי מדרשים און לעבנסשטייגער.

◆ ◆ ◆

- יו. דזשעי. סי. ערלעדיגט די **אויפנאַמע פון היימישן "ליעזאָן" פון די אידישע געמיינדע אין בלומינגראָוו** צו דער "סאַוט- בלומיגראָוו פייער דעפּאַרטמענט". **הר"ר יצחק בערנאַטה הי"ו, ווערט אויפגענומען אויף די פאזיציע** צו פאַרמיידן אומאַנגענעמליכקייטן און דינען אַלס פאַרמיטלער צו פאַרזיכערן בעסטע קאָמיוניקאַציע און פאַרבינדונגען לטובת הציבור בעז"ה.

◆ ◆ ◆ ◆

- עסקני העיר הייבן אָן מאַסיוון קאַמפּיין צו רעגיסטרירן עלטערן צו געניסן פון די באָסעס פינאַנצירט דורך "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט".

## אדר תש"פ לפ"ק

- א קאָכעדיגער אטמאספערע נעמט אַרום די שטאָט... **מען גרייט זיך צו די קריטישע וואַלן**, וועלכע וועלן דעצידירן די פירערשאַפט פונעם "ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו".

- בלויז צוויי וואָכן בעפאָר וואַלן דאַרפן אָפּגעהאַלטן ווערן, הערט מען איבער **פלוצים'דיגע טויט פון דעם געוועזענעם טראסטי דזשאַן מולעיני**, אין אַ צייט ווען דער טיקעט פונעם מעיאָר קען שוין ערזעצן זיין ארט מיט א פרישן קאַנדידאַט.

- **געטרייע אידישע עסקנים פרובירן נאָך אין אַ לעצט מינוטיגע פאַרזוך** נאָכאַמאָל צו פאַרהאַנדלן מיט'ן געוועזענעם מעיאָר, מיט דער האָפענונג אַז ער זאָל מסכים זיין צו נידערן די אַנטי אידישע אַגענדע פון זיין טיקעט. צום באַדויערן איז דער אַנטוואָרט געווען אַ קאַטעגארישער ניין.

- מוצש"ק תשא פרה: **הערליכער מעמד "להקהל ולעמוד" ברעכט היסטאָריע אין בלומינגראוו**, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל.

הונדערטער תושבי העיר פאַראייניגט כאיש אחד בלב אחד צו הערן דעם קלאָרן דבר ה' פון גדולי רבני העיר שליט"א, ועל צבאם כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א.

- אַלעס פיבערט מיט ערוואַרטונג, אַלעס קוקט אַרויס מיט שפּאַנונג אויף דעם עלעקשאן טאָג, **אָבער דאַן קומט אונטער דער מאָנסטער ווירוס וואָס צעשאָקלט אַלע קאָרטן** און ברענגט אַ האַסטיגן מאיום'דיגן אָפּשטעל צו דער גאַנצער וועלט ווירטשאַפט אויף אַ לענגערע ווײַלע.

- מאָנטאָג ויקהל פקודי: דראַמאַטישע לעצט – מינוטיגע מעלדונג פון דעם גאווערנער אָפּיס אַז **צוליב דעם "קאראונע" ווירוס אויסברוך ווערן אלע ווילעדזש וואלן דורכאויס ניו יארק סטעיט אָפּגעשטעלט** און אָפּגעשטופּט אויף דעם קומענדיגן אפריל 28 למספרם.

- אין לויף פון די קומענדיגע וואָכן ווען די וועלט איז געשטאַנען צעטרייסלט און פּאַראַליזירט האָבן בלומינגראוו איינוואוינער ווידעראַמאָל באַוואונדערט די געטרייע אַרבעט פון די שתדלני הציבור וועלכע האָבן כאטש עטוואָס געלינדערט **די אנגעשטרענגטע לאגע דורך טון דאס מאקסימום צו העלפן און באַגלייטן תושבי העיר מיט אלע באדערפענישן** און געבן דעם געפיל פון סטאביליטעט, אויך אין אזעלכע צעשאקלטע צייטן.

- במשך די גאנצע תקופה האבן די "יו. דזשעי סי." באָורד פארטרעטער זיך אקטיוו באטייליגט ביי די **טעגליכע "טעלעפאן קאָנפערענצן" מיט דער "קאָוויד 19 טעסק -פאָרס" פון די ארענדזש קאונטי טאונס, ווילעדזשס און עמערדזשענסי דעפארטמענטס**, וואו די אידישע מיטגלידער האבן זיך ערוואָרבן א רעפוטאציע ביי אלע לאקאלע און מוניציפאלע באהערדע אלס אן העכסט אחריות'דיגע און זאכליכע קאמיטע, אויף וועמען מען קען זיך פארלאזן און וועלכע ארבעטן מיט פלייס און טאקט צו ברענגען פאקטישע רעזולטאטן.










## ניסן תש"פ לפ"ק

- דורכאויס דעם אומפאַרגעסליכער חודש ניסן תש"פ אין שאָטן פון **פחד און טרויער**, האט זיך הערשט ארויסגעצייגט דאס שיינקייט און וויכטיגקייט פון האבן **אזא געטרייע און אחריות'דיגע פארטרערשאפט**, אין שפיץ פון די צרכי הכלל והפרט דא אין שטאט.

- באַזונדער האט ארויסגעשיינט דאס מסדר זיין די **"חלוקה לאקאציעס" פאר דאס עסן פון אלע מוסדות התורה**; אן ערשיינונג וואס האט אנגעהאלטן במשך לאנגע וואכן מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט און א געניטן סדר, און האט פארשפּאָרט פאר די היזיגע איינוואוינער'ס די לאנגע רייזעס צו די קרית יואל'ער חלוקה לאקאציעס, בתשואות חן.

◆ ◆ ◆ ◆

- מיט אן אמת'ע ברודערליכע מיטגעפיל ווערט אַראַנזשירט די **ריזיגע "מעגא פסח פראגראם" וואס האט געשפּאָרט הונדערטער דאללארן** פאַר קינדער געבענטשטע פאַמיליעס מיט'ן גרעסטן דרך כבוד.

- **הונדערטער גראָסערי פראדוקטן לכבוד יום טוב זענען פארטיילט געווארן פאר שטוינענד ביליגע פרייזן.** אַזוי אויך דיסקאונט פרייזן אויף ציצית און טליתים, הגדות, אידישע קאמיקס ביכער, און אידישע געימס, אלעס פאר די ביליגסטע הנחות און פרייזן.

- וואס עס האט זיך אפגעשפילט יענעם ליל שישי בעפאר שבת הגדול, ביי דער גרויסער **"עסן פארטיילונג" אינעם הויף פונעם זמיגראַד'ער שול-הויף**, איז געווען א בילד וואס וויל בשום אופן נישט ארויסגיין פון די אויגן. וויאַזוי די **צענדליגער עסקנים לאָדענען אן די פילע קאַרס מיטברייטע פעקלעך, פרוכט, גרינצייג, פלייש, וויין, אלע ערליי פאפיר און פלאסטיק געשיר, טישטעכער און פיל נאָך.** אין צוגאָב צו די קיאופאנס מיט באדייטענדע דיסקאונטס פאר קליידער, פיש און פלייש אז דער ציבור זאל קענען רואיג איינקויפן לכבוד יום טוב. אשרי העם שככה לו!

◆ ◆ ◆

- **גרויסער קידוש ה' הילכט אָפּ ביי "פוד בענק" פארטיילונג פאר אונזערע שכינים** וואס האט ב"ה אפגעקלינגען מיט א זעלטענעם השפעה לטובה. מען האט געזען אויף אלע גאסן וויאזוי נישט – אידישע שכינים פרייען זיך צו די "יו. דזשעי. סי". עסקנים און נעמען אפּ זייערע אנגעפולטע באקסעס מיט אן אפענע הכרת הטוב און שעצונג.

◆ ◆ ◆


United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 806 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

בס"ד

שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט פסח, אין ליכט פונעם מצב האט די יו.דזשעי.סי. ערלעדיגט מיט די אינסטאנצן אהערצושטעלן א

# דרייוו-טרו שריפת חמץ

## אין צענטער פון שטאט

אנגעהויבן פון 9:30 אינדערפרי ביז סוף זמן שריפת חמץ

הארט נעבן די געוועזענע באנק אויפ'ן רט. 208

עס וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסע קאנטעינאר, מ'וועט זיך קענען אמשטעלן אריינלייגן די חמץ, און גלייך גיין ווייטער

עס וועלן זיין אנוועזנד די לאקאלע פאליציי און פייער דעפארטמענט, און דער ליעזאן ר' יצחק בערנאטה הי"ו

מ'בעט דעם ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די סדרנים אויפ'ן פלאץ, עס זאל ארויסקומען א קידוש ה' בעזהשי"ת

בברכת חג כשר ושמח
United Jewish Community of Blooming Grove

נעמט אין אכט למען הסדר ווערט מען נישט קענען בלייבן שטיין מער ווי די "עטליכע סעקונדעס" וויילאנג עס נעמט אריינצולייגן די חמץ אינעם דאמפסטער, און מ'וועט גלייך דארפן גיין ווייטער

מ'זאל ברענגען צום פארברענען בלויז די מינימום וואס שייך

מ'וועט נישט אויסלעשן די פייער ביז אלע חמץ וועלן פארברענט אויף אש

כל חמירא זאל מען זאגן נאכדעם, עס מוז נישט געזאגט ווערן נעבן די פייער



- אויך אין ברען פון דעם אנגעשטרענגטן קריזיס האבן מיר געקענט מקיים זיין די מצוה חביבה מיט'ן גרעסטן הידור, רואיגקייט און זיכערקייט, אדאנק די שלוחי הציבור, וועלכע האבן ערמעגליכט דעם געניאלן "דרייוו – טרו" **שריפת חמץ**, און אוועקגעגעבן די אנגעשטרענגטע "ערב פסח" צייט צו באגלייטן די גאנצע אפעראציע מיט אחריות און ערפאלג.

## אייר תש"פ לפ"ק

- די וועלט איז טאַקע אָפּגעשטעלט אָבער די שנאה און רדיפה קעגן בלומינגראווער אידן לאָזט נישט נאָך קיין איין טאָג.

- ביי די "טעלעפאן קאנפערענצן", פאר די הונדערטער רעגירונג און הילפס באאמטע פון דעם גאַנצן "אראנזש קאונטי" ראיאן, טרעט אויף **דער געוועזענער מעיאָר מיט העצערייען קעגן זיינע אידישע איינוואוינער אַז מען האלט דא אפן שולן און בתי מדרשים**, ווייל אידן אין בלומינגראוו זענען 'קעירלעס' און זענען די גורם צו אנשטעקן אנדערע מיט דעם ווירוס...

- עטליכע טעג שפעטער מעלדט דער געוועזענער מעיאָר פאר **אלע אריבער 150 גאווערמענט באאמטע, אז פון בלומינגראוו פאָרן יעדן טאג ארויס קארס קיין קרית יואל**, וואו מען טראגט קינדער לערנען תורה באהאלטענערהייט...

- דער מעיאר זעלבסט האט גענומען די מיה און פערזענליך נאָכגעפאָרן "ווענס" צו זעהן אויב מען טראגט אדער מען ברענגט קינדער פון אידישע שטובער אין בלומינגראוו. ער איז ארויס פון זיין וועג און **בכבודו ובעצמו געלאקערט אויף אינגעלייט מיט קארס און ווענס,** אלעס, כמובן, מיט זיין גרויס 'זארג' פאר אונזער וואוילזיין...

- דאס זעלבע ווירטשאפט האט מען מיטגעהאלטן מיט די אַנדערע ווילעדזש באאמטע, א שטייגער ווי איינע פון די טראַסטי קאנדידאטן, אַ באקאנטע וויסטע אנטיסעמיטקע, וועלכע איז **ארומגעפארן טעראָריזירן אידישע משפחות, צו זוכן אויב עס קומען פאר ערגעץ וואו מנינים**, און נאכשרייענדיג משפחות וועלכע האבן שפאצירט צוזאמען.
- דאָס איז געקומען נאָכדעם וואָס דער מעיאָר אויך געווען בראש החותמים אין אן אפיציעלע פּאָרלאַנג צום גאווערנער פון ניו יארק, אז די **שטאט קרית יואל זאל ווערן דעזיגנירט אלס א באלדיגע "קאָנטעינמענט זאנע"** און ווערן פולקאָם אָפּגעשפארט, דערמיט צו פּאַראַליזירן די גאנצע היימישע עקאנאמיע חלילה.

## סיון תש"פ לפ"ק

- ס'איז פארענדיגט געווארן מיט אַ געוואלדיגע הצלחה די "רעגיסטראציע דרייוו", **צו איינשרייבן די קינדער וועלכע באַנוצן זיך מיט טראנספארטאציע פאר די מוסדות התורה אין קרית יואל**, אזוי ארום צו קענען געניסן פון די מאַקסימום סערוויס פאר די ביליגסטע פרייזן, דורך דעם וואס די גרעסטע טייל פון די קאסטן זאל געדעקט ווערן דורך דעם דיסטריקט.


United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

בס"ד, עש"ק פ' בה"ב תש"פ לפ"ק

**שטורמישע רוף צו תושבי בלומינגראוו**

ווי שוין גוט באקאנט פאר'ן ציבור תושבי העיר, איז די יו.זשעי.סי שטארק אקטיוו אויף פארשידענע פראנטן, און מען פרובירט מיט אלע מעגליכקייטן **צו פארבעסערן די באס טראנספארטאציע פון אונזערע קינדערלעך צו די מוסדות התורה אין קרית יואל. טראץ וואס ליידער איז אינטערגעקומען די שווערע תקופה ווען די מוסדות התורה זענען צוגעמאכט**, און באסעס איז אויף די מאמענט נישט אקטועל, **איז מען אין די קארידארן פון די יו.זשעי.סי נישט געשלאפן**, און עסקנים זענען גרייט די לעצטע חדשים מיט די סקול בארד פון די לאקאלע וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, מיט די טאון באהערדע און נאך איבער די נושא פון די באסעס.

באזונדער איז **דיסקוסירט געווארן מיט פארשידענע באס קאמפעניס איבער פרייזן און סערוויסעס**, און מ'פרובירט אויסצוארבעטן דאס בעסטע **עס זאל קענען צוגעשטעלט ווערן פיל מער באסעס, דאס באדייט שנעלערע און פונקטליכע רוטס, צו יעדע צייט**, צו און פון אלע מוסדות התורה, **מיט א געניטע דיספעטשינג אפיס**, עס זאל זיין צו וועם צו רעדן אין פאל פון א פראבלעם.

זעלבסט פארשטענדליך אז **די אלע פאראהאנדלונגען זענען אקטועל בלויז וויבאלד עס איז דא די פאנדינג**, וואס ווערט געגעבן **פאר יעדע איינוואוינער וואס וואוינט אין א הויז וואס צאלט "סקול טעקס" וואס אלע זענען בארעכטיגט צו געניסן באס טראנספארטאציע פאר זייערע קינדער צו די מוסדות החינוך**. די פאנדינג ווערט געגעבן **"בלויז" פאר קינדער וואס רעגיסטרירן זיך פאר טראנספארטאציע** בעפאר די נייע לערן-יאר הייבט זיך אן.

**די אריגינעלע דאטום צו רעגיסטרירן צו די סקול דיסטריקט איז ביז למספרם אפריל דעם ערשטן**, צוזאהעלפן דעם ציבור איז ארויסגעלייגט געווארן דערמאנונגען אז מ'זאל רעגיסטרירן צום דערמאנטן דאטום, לײדער **בלויז עטליכע טעג פאר די דעדליין האט זיך אנגעהויבן די קאראנע תקופה. מיר האבן דעמאלץ זיך איינגעבעטן ביי די סקול באורד צו פארלענגערן דעם דעדליין, און מ'האט עס טאקע פארלענגערט ביז שביעי של פסח.**

**צו אונזער טיפע באדויער און שאקירונג, - נאכן אריינלייגן צענדליגער שעות פון פלאנירונג - האט אונז די וואך די סקול באורד געלאזט וויסן אז <u>פון העכער 800 קינדערלעך בליעה"ר</u> <u>כ"י פון די פאמיליעס וואס שיקן צו די מוסדות אין קרית יואל זענען "בלויז 469 קינדער</u> <u>רעגיסטרירט" צו געניסן פאנדינג פאר טראנספארטאציע!</u>**

<<<

>>>

זעלבסט פארשטענדליך אז ס'איז נישט קיין שום יושר אז קינדער וואס זענען אחריות'דיג רעגיסטרירט געווארן זאלן נישט באקומען געהעריגע באס סערוויס, צוליב וואס עס איז נישטא די פאנדינג פון אנדערע פאמיליעס וואס נוצן די באסעס און באצאלן נישט דערפאר.

**מאכנדיג דעם חשבון קומט אויס: <u>די קאסט פון טראנספארטאציע פאר א קינד, צו קענען געניסן פון די באס</u> <u>סערוויס, גרייכט עס צו העכער $70 פער קינד, יעדע וואך!! דאס איז א גרויסע סכום וואס ווערט "בלית ברירה מוזן</u> <u>געדעכנט ווערן" פאר קינדער וואס זענען נישט רעגיסטרירט אינעם דיסטריקט.</u>**

און דאס איז א ווייי-געשריי אז געלטער וואס אלע שטייער צאלער געניסן זאל פארברענט ווערן לאיבוד צוליב נאכלעסיגקייט פון נישט רעגיסטרירן די קינדער פאר טראנספארטאציע פונעם סקול דיסטריקט.

**די גוטע נייעס איז: נעמענדיג אין באטראכט די שווערע מצב ווען עלטערן זענען איבערגעשטרענגט, די קינדער זענען אינדערהיים האט מען אריינגעלייגט אסאך שתדלנות, און מ'האט ב"ה מצליח געווען צוריק צו עפענען די רעגיסטראציע פאר נאך צוויי וואכן ביז ערב שבועות הבעל"ט!**

מיר בעטן אייך זייער, טייערע עלטערן, **אויב האט איר נאכנישט רעגיסטרירט, זייט אחריות'דיג, נוצט אויס די געלעגנהייט און רעגיסטרירט ווי אמשנעלסטן צו געניסן פון די באס סערוויס, זייט נישט קיין צועק לשעבר, דאס איז א חסרון שלא יוכל להמנות**, רעגיסטרירן שוין און בעז"ה וועט מען מצליח זיין צו קענען צושטעלן בעסערע און באקוועמע סערוויס פאר די בעסטע פרייז (מעגליך ביז אומזיסט) צום צופרידנהייט פון אלע קינדער און עלטערן.

בשם ה' נעשה ונצליח

בכבוד רב

United Jewish Community of Blooming Grove

**אין די קומענדיגע טעג וועט נאכאמאל זיין צובאקומען די אפליקאציעס און אנווייזונגען וויאזוי עס צוריקצושיקן אין די גרעסערע בתי מדרשים**

מען קען אויך באקומען די אפליקאציעס דורך שיקן א אימעיל צו:

**Info@UJCofBloomingGrove.org**

**און נאכאמאל: ביטע נוצט אויס די געלעגנהייט פאר אייער טובה, און די טובה פון אלע תושבי העיר צו רעגיסטרירן, און געניסט פון באס סערוויס וואס ווערט געגעבן פאר אלע שטייער צאלער!**

- אַדאַנק די געטרייע אַרבעט פון די עסקנים איז דער דרייוו געקרוינט געווארן מיט אן אויסטערלישע ערפאלג, ווען מען האָט ב"ה באוויזן צו דאפלען דעם צאל פון קינדער וועלכע זענען געווען איינגעשריבן אין דעם היזיגן סקול דיסטריקט.
- די ציפערן ווערן פאצייכנט אין די היסטאריע פון בלומינגראוו פון **460 קינדער וועלכע האבן אפלייט דעם פּאַרלאָפּענעם יאָר, האט מען געהויבן דעם ציפער קרוב צו דאפלט! צו אריבער 850 קינדער בליעה"ר**, וואָס דאָס שפּאָרט איין שווערע טויזנטער דאללער אידישע געלט.







## תמוז תש"פ לפ"ק

- גאָר געלונגענע "זומער דעי קעמפּ" פאר "פרי סקול קלאסן" איז אריבער מיט א געוואלדיגע הצלחה, און איז געווען א העכסט געניאלע און געוואונטשענע שריט וואס האט **איוסטערליש פארלייכטערט פאר תושבי בלומינגראוו דורכאויס דעם שווערן זומער מיט אַלע שיקאַנירונגען פון די רעגירונג** פאר מוסדות התורה אין קרית יואל.
- באזונדער איז באגריסט געווארן די געלונגענע שטאב פון טאלאנטפולע לערערינס, די אויסנאמליכע רייכע אקטיוויטעטן און אינהאלטספולע אונטערהאלטונגען און די פונקטליכע טיר – צו – טיר טראנספארטאציע מיט אן ערשט – קלאַסיגע סערוויס צו אלעמענס צופרידנהייט.

## אב תש"פ לפ"ק

- א זומער אָן קיין "ווייעלעישאנס" און געלט שטראפן! יעדער געדענקט די פארלאפענע יארן, וויפיל צער און עגמת נפש מען האָט געליטן אין דעם זומער סעזאן פון די נאכאנאנדיגע שיקאַנירונגען, קנסות און ווייעלעישאנס אויף אידישע פראפערטיס, אבער אדאנק די געוואונטשענע פעולות דורך די שתדלני הציבור האָט זיך דאָס ב"ה אָפּגעשטעלט.
- במשך דעם גאַנצן זומער האָט מען נישט געהערט פון קיין געלט שטראפן אויף אזעלכע מינדערוויכטיגע "פארלעצונגען" ווי מחיצות אויף די "שווים באסיינען" אדער לאזן די גראז וואקסן א טאג מער ווי ערלויבט, פון וואס מען פלעגט ליידן יאר יערליך.
- דאס זעלבע איז אַנטשטאַנען א **פאזיטיווע דערלייכטערונג אין טרעפיק אינפארסירונג אויף די לאקאלע ראודס**, ווען עס האט זיך כמעט ווי **אפגעשטעלט די פלאַגן פון "סעלעקטיווע אינפארסירונג"**, וואס פלעגט צילן דירעקט אידישע דרייווערס מיט אומ'יושר'דיגע טיקעטס'ס. דאס איז געקומען צו אַן אפשטעל אדאנק די נויטיגע אינטערווענץ מיט די ריכטיגע באאמטע, וד"ל.



בס"ד, ערב שב"ק פר' שלח תש"פ לפ"ק

# ערב זוממער מעלדונגען

נאך א וויכטיגע זיצונג די וואך פון די יו.זשעי. סי. מיט די לאקאלע אגענטורן
אין בעפארגרייטונג צום זומער סעזאן מעלדן מיר עטליכע וויכטיגע פונקטן:

## • סווימינג פול מחיצות

נאך א דיסקוסיע מיט די בילדינג דעפארטמענט איבער די סווימינג פול שלאק מחיצות, - היות מאנכע האבן ווידערמאל באקומען ווארענונגען איבער די מחיצות אז דאס איז אומלעגאל - איז געבליבן אז מ'וועט ערלויבן צו מאכן מחיצות אבער מיט די פאלגענדע תנאים:

- די שלאק מוז זיין אדער סאליד ברוין, אדער סאליד גרין, (די בלויע קאליר שלאק איז נישט ערלויבט)
- די שלאקט דארף זיין געהעריג אינסטאלירט, אראפגענאגלט און באפעסטיגט עס זאל נישט ארומפליען.

אנדערש וועט עס נישט ערלויבט ווערן, מיר האפן אז דאס וועט זיך אויסארבעטן, און עס זאל נישט זיין ווייטערדיגע עגמת נפש.

## • ספידינג

די פאליציי דעפארטמענט האט געבעטן איבערגעבן אז זיי באקומען זייער אסאך קאמפלעינס אז דרייווערס ספידן און פארן שנעלער ווי די ערלויבטע ספיד לימיט, ספעציעל ביים אראפפארן אויף די אינטערסעקשאנס פון דועלק, מענדזשין און מעריוואלד

ונשמרתם מאד לנפשותיכם! ספעציעל יעצט זומער ווען די קינדער שפילן זיך אויף די גאסן אכטונג צו געבן און נישט פארן העכער ווי די ערלויבטע ספיד לימיט!

התורה חסה על ממונם של ישראל:

די פאליציי האט געמאלדן אז אין די קומענדיגע טעג וועט די פאליציי זיין אין די געגענט ספעציעל צו אינפארסירן די ספיד לימיט, ביטע זיין אויפמערקזאם, ודינא דמלכותא דינא!

## • רעפלעקטאָרס

יעצט זומער ווען מ'דרייט זיך מער אינדרויסן איז די צייט נאכאמאל צו מעורר זיין דעם ציבור מ'זאל גיין אנגעטוהן אין די נאכט שעות מיט רעפלעקטארס, ונשמרתם מאד לנפשותיכם, און רוב פעלער וועלן אייך די דרייווער בכלל נישט באמערקן, און ח"ו ס'זאל נישט פאסירן וואס ס'קען פאסירן רח"ל, ביטע טוט אן די רעפלעקטאר און פארמיידט אינצידענטן ח"ו היל"ת.

- די יו.זשעי.סי. וועט ווידערמאל פארטיילן רעפלעקטארס 'אומזיסט' און וועט זיין צובאקומען קומענדיגע וואך פר' קרח הבעל"ט אין בית המדרש צאנז זמיגראד.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן האבן א פרייליכע געזונטער זומער
שנשמע ונתבשר בשורות טובות

United Jewish Community of Blooming Grove

## אלול תש"פ לפ"ק

- דינסטאָג האזינו – ג׳ סליחות: **דער טאָג וואָס האָט געטוישט די מאַפּע פון בלומינגראוו אויף אייביג!**
- בלומינגראוו קומט אַרויס מיט אירע שענסטע קאָלירן, מיט מעכטיגער פּאַראייניגטער שטים – בלאק, צו **אַריינוועלן נייע סימפּאַטישע און עפעקטיווע רעגירונג**, וועלכע באַדינען אַלע איינוואוינער צוגלייך, מיט






יושר און צדק, אין אַ **דראַמאַטישע געווינס וואָס האָט אָפּגעקלינגען אין דער גאַנצער אידישער וועלט!**

- אומגלויבליכע סצענע ווי **תושבי העיר שטייען 3 שעה נאָכאַנאַנד** און וואַרטן אויס געדולדיג אויף זייער שאַנס אָפּצוגעבן זייער שטימע טראָץ דעם וואָס שטימען האָבן זיך פאַרצויגן **ביז נאָך חצות הלילה** אַדאַנק אומקאָמפּעטענטע ווירטשאַפט פון אַלטע אַדמיניסטראַציע.
- מעיאָר: **מר. זשאָרזש קאַלאַזש**; טראָסטיס העסקנים החשובים בצרכי ציבור: **מוה"ר אברהם משה ווייס הי"ו און מוה"ר יצחק פעלדמאן הי"ו** האָבן אַלע דערפאָלגרייך געזיגט בעז"ה. נאך א ריקאונט נאכגעפאלגט א טאָג שפעטער, זענען די נייע קאנדידאטן איינגעשוואוירן געווארן צום אַמט.
- בלומינגראָוו'ס נאָבעלער כח האחדות, ווי אַלע קהלות אין שטאָט האָבן געאַרבעט האַנט ביי האַנט, כאיש אחד בלב אחד פאַר'ן טובת הכלל און אַזוי באַוויזן דעם זיג, רופט אויס אַ קידוש ה׳ איבער דער גאָרער וועלט!

## תשרי תש"פ לפ"ק

- י"ב תשרי, ביים ערשטן אָפּיציעלן ווילעדזש מיטינג מיט נייע אַדמיניסטראַציע, ווערט באַשטימט **צו צוריקגעבן דעם פּערמיט פאַר די היימישע שאָטל, עס זאָל קענען ווייטער אַרומפאָרן אומגעשטערט**, נאָכדעם וואָס געוועזענער מעיאָר האָט עס אַנולירט פאַר פּיינפולע איין און אַהאַלב יאָר.












• הר"ר יואל אויבערלאנדער הי"ו, אייגנטומער פון "בלומינגראוו שאָטל" פארעפענטליכט האַרציגן דאַנק ברווול פאר תושבי העיר, ברענגט אַרויס פריידיגע רגשי הלב שטייענדיג ביי אַזאַ מאָמענט.







## חשון תשפ"א לפ"ק

• **אַ נייע עפּאָכע האָט אויפגעשיינט אין דער שטאָט!** עס שפּירט זיך ב"ה אַ פרישע סאָרט לעבנסשטייגער אונטער אַ פריינטליכעווירטשאַפט, וואו מען ווערט נישט פאַרפאָלגט און אונטערדריקט אויף טריט און שריט.

• אַנשטאָט ענדלאָזע העצע און שיקאַנירונגען איז ב"ה פאַרהאַן אַ פּאָזיטיווע אַטמאָספערע. די היימישע וואַרימע עסקנים אין דער אַדמיניסטראַציע זענען דאָ צו העלפן און באַגלייטן דעם יחיד און דעם רבים.

• אויסטערלישע סייעתא דשמיא ווען **סטעיט סענאַטאָר סקופּיס שטרעקט אויס אַ האַנט צו אַרבעטן אינאיינעם מיט "יו. דזשעי. סי." שטייענדיג בעפאָר די נאָוועמבער וואלן.**

• עסקנים נוצן אויס די געלעגנהייט בהשכל ובדעת צו **אנקניפּן קעגנזייטיגע גוטע באַציאונגען**, וואָס האָט געברענגט באַלדיגע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, ווען **סענאַטאָר אינטערוועניִרט פּערזענליך פאַר וויכטיגע טראַפיק לייט ביי די ווינקל פון 208 און מאַונטן רד.**

• ביי די וואַלן דינסטאָג וירא, געווינט סקופּיס די נאָמינאַציע מיט דער הילף פון **"בלומינגראוו בלאַק וואָוט"**; באַדאַנקט זיך פּערזענליך פאר יו. דזשעי. סי. און דרוקט אויס גרייטקייט ווייטער צו שטיין צוהילף מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן.

◆ ◆ ◆ ◆

• ליל שישי וירא: עס ווערט אָפּגעראָכטן די **יערליכע וואַלן פאר יו. דזשעי. סי. באָורד מיטגלידער**, וואו עס ווערן ערוועלט חשוב'ע אינגעלייט עוסקים בצרכי ציבור באמונה צו פאַרטרעטן געטריי יעדע געגנט באַזונדער.

• ביי די וואַלן ווערט אויך אַרויפגעברענגט די **גאָר וויכטיגע פראַגע איבער דעם אויסשטעל פון די נייע הייזער אין דער געגנט, אין אַ סיסטעם וואָס** איבערראַשט ווידעראַמאָל די אידישע וועלט. הונדערטער תושבי העיר באַטייליגן זיך צו אָפּגעבן זייער יושר'דיגע שטימע **מיט זייער מיינונג איבער די צוקונפטיגע בוי פּראָיעקטן אין שטאָט.**

◆ ◆ ◆ ◆


















# כסלו תשפ"א לפ"ק

- זונטאָג פרשת מקץ: **אסיפה נחוצה ווערט אָפּגעהאַלטן בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א**, אינאיינעם מיט עסקני ונכבדי עירינו המעטירה, צו איבערגיין, באַהאַנדלען און הערן דעם דעת תורה, איבער די וויכטיגע פעולות חובקות און די ריכטיגע שריט וואס דארף אצינד אונטערגענומען ווערן פאר דער צוקונפט פון בלומינגראוו בתפארתה.

- עס איז דערביי פארגעשטעלט געווארן די ערווייילטע באורד מעמבערס, וועמען דער רבי שליט"א האָט וואַרעם אָנגעוואונטשן. דאַן האָט מען באַהאַנדלט אלע הצעות און דעטאלן, את המעשה אשר יעשון, פאר די טראָסטי וואַלן, דינסטאג פרשת ויקרא ג' ניסן, און געהערט **דעם דעת תורה מיט קלאָרע הדרכות וועלכע קאנדידאטן אריינצולייגן אין דעם ווילעדזש צו פארטרעטן דעם ציבור**, מיט א ריכטיגע קידוש שם שמים על פי דרך התורה והמסורה.



✦ ✦ ✦ ✦

- בלומינגראווער איינוואוינער האָבן אין לויף פון די חדשים מיטגעמאַכט אַ זעלטן שווערע תקופה מיט די טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות התורה ווען אונטער'ן שלייער פון באַקעמפן דעם ווירוס האָט די "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט", איינפאַך באַרויבט דעם ציבור פון די פשוט'ע רעכטן אַלס שטייער צאָלער און בשום אופן נישט צוגעשטעלט קיין טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות התורה אין קרית יואל.






- די איבערמידליכע שתדלנות און באַמיאונגען פון אַלע פראָנטן האָבן ליידער נישט באַרירט די פאַרשטיינערטע הערצער פון די פון די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט באָורד מיטגלידער. **לאַנגע וואָכן און חדשים האָבן בלומינגראווער עלטערן זיך געדאַרפט אליינס מסדר זיין טראַנספּאָרטאַציע, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אומגעהויערע עגמת נפש און געלטער.**

- נאָך אַזויפיל חדשים פון ליידן האָט יו. דזשעי. סי. **דראַמאַטיש געזאָגט דעם הילכיגן "גענוג!" ווען עס איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די מולטי קאָסטבאַרער אונטערנעמונג פון צושטעלן "אייגענע באָסעס"**. אַ מיסיע וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ חלום אָבער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטוינענדע רעאַליטעט, צו די אויסטערלישע פרייד פון אַלעמען.

- ווי מיט אַ שטורעם האָט אויפגעריסן די פריידיגע מעלדונג **אַז "יו. דזשעי. סי". האָט פאַקטיש שוין אָפּגעקויפט פינף נייע באָסעס צום דינסט פון תושבי העיר!** אָן קיין איבריגע פראָפּאַגאַנדע אָדער גערודער, געזאָגט און געטון, איז געשאַפן געוואָרן "ספּאָנסערס" און ס'איז געקויפט און איינגערישט געוואָרן באָסעס, וואָס האָט ענדליך אָפּגעשטעלט די אומזינסטע ליידן פונעם ציבור.

✦ ✦ ✦ ✦

- העכסט געלונגענע ארבעט מיטן **שאַרן דעם ערשטן שניי שטורעם** ווען ווילעדזש טראקס גייען איבער אלע גאסן און מאכן אן אויסגעצייכנטן אַרבעט.



- מעיאר קאלאדזש לייגט ספעציעלן דגוש ארום די בתי מדרשים אז מ'זאל קענען לייכטערהייט קומען און גיין פאר דרייווער און פיסגייער.

## טבת תשפ"א לפ"ק

- דאָנערשטאָג שמות: ווילעדזש באָורד טוט ענדליך שליסן דעם 'הירינג' און **פארמאַכט פובליק קאָמענטאַרן אויף "קלאָוואָוד" פּראָיעקט**, וואס פארשפרעכט צו דעוועלאפן שיינע רחבות'דיגע און פריוואטע הייזער פאר אידן אין דער בלומינגראוו אומגעגנט.

- די 'קלאוואוד' דעוואלאפמענט, וואָס שלאָגט פאָר צו בויען 600 הייזער, אויף א שטח פון 870 עיקער מיט'ן חשבון פון אַ דירה אויף א גאנצן עיקער, **שלעפט זיך זיך שוין אריבער 15 יאָר!** אַדאַנק די אידן פיינט וועלכע האָבן פאַרפיגט אויף דער ווילעדזש. אַצינד **האָט דער 'ווילעדזש פלענינג באורד' ענליך געשלאָסן דעם לאנג פארצויגענעם הירינג און ענדגילטיג פארמאכט די "פובליק קאמענטארן" מעגליכקייט אז דער פראיעקט זאל זיך קענען רוקן** צו די קומענדיגע פאַרצווייגטע שטאַפּלן וואָס געדויערט נאָך לאַנגע חדשים.

♦ ♦ ♦ ♦

- אַ דאַנק איבערמידליכע שתדלנות פון שליחי הציבור ווערט **באַשטעטיגט די אינסטאָלירונג פון דעם וויכטיגן טרעפיק סיגנאל אויף מאונטען ראוד ביים 208**, נאָכדעם וואָס יו. דזשעי. סי. האָט געאַרבעט דערויף מיט פּאָליטיקאַנטן פוןביידע זייטן פון דעם פּאָליטישן ספּעקטרום, סיי מיט די **לאָקאַלע רעפּובליקאַנער לעגיסלאטורן** און סיי מיט די **דעמאָקראַטישע סטעיט באַאַמטע**.

- **מיט דער אַקטיוועד הילף פון סטעיט סענאַטאָר סקופיס האָט די 'די. או. טי.' אָפיציעל און פארמאל באשטעטיגט צו אינסטאלירן דעם טרעפיק סיגנאל** אויף מאונטען ראוד ביים 208, וואס וועט בעזהשי"ת איינשפארן אומצאליגע שאדנס בגוף ובממון, פאר אחינו בני ישראל.

♦ ♦ ♦ ♦

- "פּלענינג באורד" באַטראַכט רייע פון **אפיציעלע 'פּלענס' פון גרויסע ביזנעס און שאַפּינג צענטערן** אין די גרעניצן פונעם סאוט בלומינגראוו ווילעדזש.

## שבט תשפ"א לפ"ק

- **7 פרישע באסעס אָפּגעקויפט פאר גרויסע באָס פלאטע פאר די מוסדות התורה, ברענגט אַ סך הכל פון 12 באָסעס! פאר בלומינגראוו, אַלס אַ פולשטענדיגע געניטע באָס פירמע**, געגרינדעט און געפירט בלויז דורך היזיגע געטרייע עסקנים, אויף אַ מייסטערהאַפטיגן פאַרנעם.

- אומגלויבליכע סייעתא דשמיא רופט ארויס שטוינונג און שעצונג, וויאַזוי געטרייע עסקני הכלל קויפן אָפּ און רישן איין ריזן ציפער פון 12 נייע סקול באָסעס אין קורצע תקופה פון בלויז געציילטע חדשים– **לא יאומן כי יסופר!**

- אויך אין די שניי טעג, **ווען לאָקאַלע סקול דיסטריקט שטעלט אָפּ אַלע באָסעס, טוט יו. דזשעי. סי. סערווירן די איינוואוינער**, ווען די באָסעס פארן אַרום אָפּנעמען די הייליגע קינדער צו מונע זיין ביטול תורה.

- דאָפּלטע תועלת פון אייגענע באָס פירמע שטעלט זיך אַרויס **סיי פאר יונגערע קינדער** און אין די טעג פון די **חגאות** ווען אלע קינדער פון אלע יארגעגענג גייען אין חדר/שולע, און סיי ווען די גוי'אישע באָס פירמע, וועלכע האָט ביז דאַן זיך נישט געקימערט דאָס מינדסטע מיט אונזערע געברויכן און האָט רעגלסמעסיג אָפּגעשטעלט די סערוויסעס, זענען **אַצינד פיל מער אויפמערקזאַם נישט צו באַ'עולה'ן דעם ציבור, וויסנדיג אַז ס'איז פאַרהאַן אַן אייגענע פירמע** און מען איז שוין נישט אָנגעוויזן אויף זייערע סערוויסעס.



♦ ♦ ♦ ♦

- טאון אדמיניסטראטאר פון שכינות'דיגע קרית יואל שיקט אָפּ אפיציעלן בריוו צום 'ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו'; דריקט אויס האפענונג פאר לאַנג-טערמיניגע געמיינזאמע צוזאמענאַרבעט.




♦ ♦ ♦ ♦

- "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" אַנטזאָגט זיך אקעגצוקומען די פאַרלאַנגען פון יו. דזשעי. סי. אין נאָמען פון שטייער צאלער צוצושטעלן באָסעס אין די צייט פון "ווינטער ריסעס".






## אדר תשפ"א לפ"ק

- נאנט צו 50 עסקני העיר געניסן ביי גייסטרייכע "מסיבת מרעים" אור ליום א' דראש חודש אדר, ליל שישי פרשת משפטים.

◆ ◆ ◆ ◆

- חברה הצלה קרית יואל ברענגט אריין אין באנוץ נייע דעוויס פאר הצלה קאמיוניקאציע נייער דעוויס ארבעט מיט א פרישע מהלך וועלכע טוט בעז"ה דעקן די בלומינגראוו געגענט - נייע קאמיוניקאציע סיסטעם ווערט אקטיוויזירט נאך אינטערווענץ פון עסקני יו.זשעי.סי. צו פארזיכערן קלארע קאמיוניקאציע על כל צרה שלא תבא.

◆ ◆ ◆ ◆

- יו. דזשעי. סי. אינטערוועניִרט צו דורכפירן טוישונגען אין דעם סיסטעם פון די גארביזש פיק-אפ. די גארביזש זאל אויפגעפיקט ווערן כאטש צוויי מאל א וואך, אדער זאל יעדער באקומען אויך אַ צווייטן גארביזש קען, דערווייל שטויסט זיך עס אָבער אָן אין קענגערשאפט פון טאון קאָונסיל. מען האָפט ווייטער דאָס צו פאראויסשטופן דעם קומענדיגן ווינטער ווען די 'ליעס' מיט די סאַניטאַציע פירמע וועט באַנייט ווערן.

## ניסן תשפ"א לפ"ק

- דראַמאַטישע וואַלן אויסגאַנג ברענגט אַרויס 753 שטימען פאר די היימישע טראָסטי קאַנדידאַטן, פאָרמירט אַ פולקאָמע טויש אין דעם ווילעדזש אַדמיניסטראַציע.

- ס'איז אומגלויבליך אָבער אַ פריידיגער פאַקט. בלויז איינס און אַהאַלב יאָר נאָך די גרינדונג פון "יו. דזשעי. סי.", מיט אַזאַ אחדות און האַרמאָניע פון אַלע תושבי העיר, שטייט מען ביי דעם מאָמענט ווען די "גאַנצע ווילעדזש באָורד" איז ערזעצט געוואָרן מיט סימפּאַטישע פריינטליכע ווירטשאַפט, אַדאַנק באַשיידענעם און היסטאָרישן קאַמפּיין, געפירט גענצליך אונטער דעם ראַדאַר, מיט די אחדות'דיגע צוזאַמענאַרבעט פון אַלעמען.

- תושבי העיר הייבן אויף די הענט מיט אַ שבח והודאה להשי"ת, מי חכם ויתבוננו חסדי ה', אַז נאָך אַזויפיל יאָר פון ליידן און רדיפות קעגן יחידים און קעגן די גאַנצע אידישע געמיינדע, האָט זיך אַלעס געטוישט צום גוטן מיט אַזויפיל סייעתא דשמיא, אַדאַנק דעם כח האחדות וואָס שפירט זיך ב"ה אין דער לופטן דורכאויס די גאַנצע צייט.

◆ ◆ ◆ ◆

- וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם! הערליכער "קמחא דפסחא קאַמפּיין" פאַרטיילט די אָסטראָנאָמישע סומע פון אַריבער 100,000 דאָלער! צוזאַמגעשטעלט בלויז צווישן תושבי בלומינגראוו פאר תושבי בלומינגראוו, דורך האַרציגע עסקני "קופת עירינו", מיט אַ שטוינענדע הצלחה.

- "איש את רעהו יעזורו" מעגאָ קמחא דפסחא פּראָגראַם ווערט דורכגעפירט ווערן לקראת חג המצות, מיט פילע ווערדפולע קיופּאַנס פון שטוינענד ביליגע דיסקאונט פרייזן פאר אַן אויסוואל פון פּראָדוקטן און צרכי יו"ט בהרחבה גדולה.

◆ ◆ ◆ ◆

- מזל טוב בלומינגראָוו! **צוויי היימישע טראָסטיס מחשובי תושבי עירינו, הרה"ח ר' אשר גוטמאַן הי"ו און הרה"ח ר' לייב ראָזנער הי"ו, ווערן אָפיציעל אויפגענומען אויף זייער נייע פּאָזיציע ביי** עמטליכע צערעמאָניע, דאָנערשטאָג חול המועד פּסח העעל"ט.








- דאָס טוט ב"ה ערגענצן די **פולע ווילעדזש באָורד** מיט אַ פריינטליכע און סימפּאַטישע פירערשאַפט וואָס זאָרגט זיך און איז דאָ צו העלפן אַלע תושבי העיר, מיט די איין און איינציגע ציל פאַר די אויגן; צו באַגלייטן יעדן איינציגן יחיד ורבים מיט אַלע געברויכן און באַדערפענישן.

✦ ✦ ✦ ✦

- ערשטע **אפיציעלע "רע אָרגאַניזאַציע" ווילעדזש מיטינג** אפגעהאלטן געוואָרן מיט סוקסעס מאָנטאָג טהרה העעל"ט.

- ביי דער מיטינג ווערט אריינגעוועלט אַ **פולקאָם נייע "פּלענינג" און "זאָונינג באָורד"**. היימישע אינגעלייט מיט הארץ און געפיל וועלכע זענען דאָ צו באַדינען דעם ציבור מיט אַ געטריישאַפט אַנבאַלאַנגט בויען און איבערבויען.

- הויכפּונקט פון מיטינג: "ווילעדזש באָורד" באַשטימט פה אחד **אַ "פּובליק נאָטיץ" פאר דער דראַמאַטישער "זאָונינג געזעץ טויש"** וואָס האָט אָנגעהויבן גאַלאָפּירן מיט די לעגאַלע צו ברענגען אַן ענדע צו לאַנגע יאָרן פון עגמת נפש און געלט שאָדן פאר בלומינגראווער איינוואוינער.

## אייר תשפ"א לפ"ק

- לאַנג – ערוואַרטעטע "עפּראוועל" ווערט ענדליך געשאָנקן פאר **"סטאון געיט" שאַפּינג און ביזנעס צענטער**, נאָכדעם וואָס דער פּראָיעקט איז געשטאַנען געפרוירן ביי דער געוועזענער 'ווילעדזש' און 'פּלענינג' באָורדס, **במשך אַריבער 2 יאָר!**



- גרויסער צענטער וועט אויפגעשטעלט ווערן ביי **העכסט - סטראַטעגישע ווינקל פון סטאון געיט רד. און דער 208 רד,** נאָנט און פּראַקטיש צו הונדערטער איינוואוינער. דעוועלאָפּער אַרבעטן יעצט צו פּרעזענטירן עטליכע וויכטיגע רעקאָמענדאַציעס וואָס פּאָדערט זיך צו ערמעגליכן די ענדגילטיגע פאַזע פון בויען דעם ביזנעס צענטער בעז"ה.

✦ ✦ ✦ ✦

- **נייע 'דעפּיוטי קלערק' אויפגענומען אין ווילעדזש אָפּיס,** אַ סימפּאַטישע און ריכטיגע קאַנדידאַט פאר די פּאָזיציע, אָן קיין פאַרבינדונג מיט די געוועזענע העסליכעווירטשאַפט, מיט די קוואַליפיקאַציעס צו באַדינען די אינטערעסן פון אַלע איינוואוינער צוגלייך.

✦ ✦ ✦ ✦

- ביי דער "ווילעדזש באָורד זיצונג", פרייטאָג אח"ק, י"א אייר, ווערט אויפגענומען **נייער קאָנסיל אַדוואָקאַט**, צו ערזעצן דאָס אָרט פון דעם געוועזענעם ווילעדזש קאָנסיל אַדוואָקאַט, מר. דעניס לינטש, וועלכער איז אין די פאַרגאַנגנהייט נישט געווען דער ריכטיגער מענטש צו פאַרטרעטן יושר'דיג די אינטערעסן פון אַלע געמיינדעס.

- דער ניי ערוויילטער אַדוואָקאַט, מר. איירא אימאַניועל, פון ראַקלענד קאַונטי, איז גוט באַקאַנט אַלס אַ סימפּאַטישער אויפריכטיגער אַדוואָקאַט מיט אַן עקספּערטיז און געניטע האַנדלונג, **זייענדיג שוין לענגערע יאָרן צוהילף פאר מוסדות התורה און היימישע אינטערעסן.**

- ל"ג בעומר אין בלומינגראוו! אין אַ דערפרישענדע דערמאַנונג איבער די נייע עפּאָכע אין אונזער שטאט האָט דער מעיאָר יר"ה פארפענטליכט **אַ פריינטליכע באַגריסונג בעפאָר ל"ג בעומר,** מיט אַ מעלדונג פאר די איינוואוינער אַז עס וועט זיין מוזיק מיט טענץ אויף די גאַסן דורכאויס די אווענט שטונדן פון דעם גרויסן טאָג.


Village of South Blooming Grove
8m ·

Dear Village Residents,

We would like to make you aware that tomorrow evening is the Lag B'Omer Holiday, there will be festivities and outdoor music between the hours of 9 through 11pm at the local synagogues in the village.

I would like to wish well to all of our constituents and congregations celebrating this special holiday.

May we share many more in good health and spirit!

Onward and upward!

Truly yours

George Kalaj
Mayor

- דאָס איז פּאַקטיש **דאָס סאַמע ערשטע מאָל אין דער היסטאָריע פון דעם ווילעדזש** וואָס דער מעיאָר זאל אַרויסלייגן אין דער עפענטליכקייט אן אָפיציעלע באַגריסונג צו דער אידישער געמיינדע אין שטאָט.



- גלייכצייטיג איז דער מעיאָר אַרויס פון וועג צו פאַרזיכערן אַלע נויטיגע פּערמיטן און די אָנוועזנהייט פון די זיכערהייט אַגענטורן, **דער מעיאָר איז אויך זעלבסט אַריבערגעקומען זיך אומקוקן פון דער נאָענט אינמיטן די גרויסע הדלקה בחצר הק' זמיגראַד** צו באַטראַכטן און זיכער מאַכן אַז אַלעס ווערט באַגלייט רואיג און אומגעשטערט.

✦ ✦ ✦ ✦

- היימישע געהילפן צום מעיאָר אינטערווענירן העפטיג צו אַריינברענגען וויכטיגע **'גרענטס' פון די פעדעראַלע און סטעיט רעגירונגען,** וואָס וועט בעז"ה אויפלעבן די שטאָט אין אַלע הינזיכטן, אַריינגערעכנט **פאָנדן פאר אינפראַסטראַקטור, וואַסער, סוער, ראָודס, סטריט עלעקטריק, קאָמיוניטי און סאָציאַלע סערוויסעס, פּראָגראַמען פאר מוסדות און בתי מדרשים, א.א.וו.**

- עס איז דערפאַר אויפגענומען געוואָרן אַ **פּראָפעסיאָנאַלער "גרענט שרייבער" מיט אַסאַך עקספּערטיז** אין דעם געביט פון שאַפן און שרייבן גרענטס פאר היימישע אינסטוטוציעס און מוניציפּאַליטעטן, וועלכער

באַפּאַסט זיך מיט דער אויפגאַבע, צו ברענגען פרישע פּאַנדן פאַר די וואוילזיין פון אַלע איינוואוינער אין דעם ווילעדזש.

◆ ◆ ◆ ◆

• דאָנערשטאָג אח"ק העעל"ט ווערט אָפּגעהאַלטן די **ערשטע סוקסעספולע "פּלעניניג באָורד" מיטינג**, זינט די אויפנאַמע פון די פרישע "פּלענינג באָורד" מיטגלידער, אָנגעפירט געוואָרן מיט פּראָפעסיאָנאַליזם דורכ'ן באַגאַבטן טשערמאַן פון באָורד, **הר"ר שלום יודא ווייס הי"ו.**

• ווילעדזש פּלענינג באָורד אַטורני, און ווילעדזש אינזשעניר, דרוקן אויס באַגייסטערונג פון פּאָזיטיווע און פרידליכע שטימונג אינערהאַלב ציצונג: "ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין לאַנגע יאָרן וואָס אַזא מיטינג גייט אַריבער אָן קיין איבערקערענישן און געשרייען, וואָס פּלעגט ביז היינט זיין די נאָרמע ביי יעדע זיצונג".

## סיון תשפ"א לפ"ק

• ביי דער "פּובליק הירינג" וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן עש"ק נשא העעל"ט ווערט באַהאַנדלט די **לאַנג ערוואַרטעטע געזעץ צו ערלויבן דאָס אויסברייטערן הייזער און בתי מדרשים.** די הירינג ווערט דורכגעפירט מיט אַ שטאַרקע אָנוועזנהייט פון תושבי העיר, וועלכע ציגן זייער שטיצע פאַר'ן געזעץ.

• **אַדאַנק דעם וואָס ס'איז ב"ה פאַרהאַן אַ "סופּער מאַריאָטעט" אין דעם "ווילעדזש באָורד"**, מיט 4 סימפּאַטישע טראַסטיס אינאיינעם מיט'ן מעיאָר, ווערט טאַקע באַשטימט צו פאַרמאַכן דעם **"פּובליק הירינג" און זיך באַלד רוקן פאָראויס צום קומענדיגן שטאַפּל** פון טוישן דאָס געזעץ לטובת די שטאָט איינוואוינער.

• אַלע קאָמענטאַרן פון דעם הירינג גייען אַריבער צו דער "אָראַנדזש קאָונטי" וואָס לייגט צו זייערע רעקאָמענדאַציעס, און צו דעם קאָונטי אינדזשעניר וואָס באַשטעטיגט לעגאַלע דעטאַלן.

◆ ◆ ◆ ◆

• ווילעדזש פאַרענדיגט די רענאָוואַציע צו **פאַררעכטן צעבראָכענע ראָודס ביי מענדזשן רד. קאָרנער 208** דורך פּאַסיגע "פּעווינג" פירמע פאַר אַ צוגענגליכע פּרייז.



◆ ◆ ◆ ◆

• אַ פרישע געבענטשטע שריט דורכגעפירט דורך נייע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע! עס ווערט



געשלאָסן קאָנטראַקט צו אינסטאַלירן **לאַנג-ערוואַרטעטע LED עלעקטרישע באַלייכטונגען לענגאויס דעם גאַנצן 208 ראָוד**, נעבן קרית יואל און בלומינגראוו, פון קלאַוו רד. ביז די גאַז סטאַנציע.

• די גאָר קאָסטבאַרע פּראָיעקט, אויף וואָס די היימישע ליעזאָנס צום מעיאָר אַרבעטן שוין זינט דעם טויש אין די ווילעדזש ווירטשאַפט, **ווערט ב"ה באַשטעטיגט, צו אינסטאַלירן אריבער 35 פרישע עלעקטרישע איינריכטונגען לענגאויס דעם גאַנצן ראָוד**, אין די קומענדיגע נאָנטע וואָכן.

## תמוז תשפ"א לפ"ק

• שמחים לשמרו ולערב עירובו! חשוב'ע רבני ועסקני העיר שליט"א זענען עוסק אין דער גרויסער אונטערנעמונג צו **אינסטאַלירן אַ שטאַנדהאַפטיגער "צורת עירוב" וואָס וועט בעז"ה אַרומנעמען דעם גאַנצן היימישן געגנט אין בלומינגראוו** - אַ זאַך וואָס האָט אויף קיין פאַל נישט געקענט פאַסירן אונטער די געוועזענע ווילעדזש ווירטשאַפט, וועלכע האָט אונטערגעשטעלט אַלע סאָרט שוועריגקייטן פאַר'ן עירוב.

• דער "צורת עירוב" ווערט געבויעט מיט די פולסטע צושטימונג און באַגלייטונג פון דעם ווילעדזש און דער מעיאָר וועלכע אַרבעטן אינאיינעם צו אַרויסהעלפן מיט אַלע לעגאַלע און טעכנישע שטאַנדפּונקטן, מיט דער האָפענונג דאָס צו ערגענצן אין דער נאָנטער צוקונפט לשמחת לב כל תושבי העיר.

◆ ◆ ◆ ◆



Village of South Blooming Grove
Amendment to Zoning Code

LOCAL LAW NO. 1 OF 2021

A LOCAL LAW AMENDING ZONING CHAPTER 235
ZONING CODE

**ITEM NO 1:**
**AMEND ARTICLE II Terminology**
Chapter 235-4 Definitions.
To include:
HOUSE OF WORSHIP -- A church, mosque, synagogue, or other place of religious worship or other place of religious retreat (subject to NY State Building Codes).

**ITEM NO. 2:**
**AMEND CHAPTER 235**
Zoning Attachment 1 - Village of South Blooming Grove Table of General Use Requirements as follows:

Replace current Table with the following: enclosed new zoning 235 attachment 1, Village of South Blooming Grove Table of General Use Requirements.

**ITEM NO. 3:**
**AMEND ARTICLE XVIII – VILLAGE BOARD SPECIAL PERMIT - §235-93 GENERAL PROVISIONS:**
B: Add There will be a separate Village Board Special Permit for House of Worship (see 235-94G)

NEW SECTION: 235-94G:
Requests to the Village Board for a Special Permit for House of Worship will be reviewed as follows:
1) If request is for worship in a home, such as a Shtichel, the Board can review and consider approval with conditions to be enforced by Code Enforcement Officer.
2) If request is for a Shul with larger number of worshipers proposed, the Village Board can seek recommendations from the Code Enforcement Officer or forward to the Planning Board to follow the procedure in §235-94 A, B, C, D, E, and F.
3) If request is for a synagogue, church, mosque, or other larger house of worship, the Village Board would forward to the Planning Board for their recommendation under §235-94 A, B, C, D, E, and F.

**ITEM NO. 4:**
**ELIMINATE:**
Article VA
Chapter 235-14.4 Overlay District
Section C - Ridgeline Overlay District
(ii), (iii), (iv)
Also Section C - (4)(a)(2)
All other provisions of the above noted code to be as currently written.

NEW CODE TO READ AS FOLLOWS:
Article VA

Village of South Blooming Grove, Orange County, New York
Zoning Amendment
Page 1

• עס רוקט זיך ווייטער העפטיג די לעגאַלע פּראָצעדור צו באַשטימען **דאָס געזעץ פאַר "האַוזעס אָוו ווארשיפּ" און "עקסטענטשענס" פון פּריוואַטע הייזער.** דאָס געזעץ ווערט באַטראַכט דורך די קאַונטי, די DOT און די סטעיט אַגענטורן, ווי דער געווענליכער סיסטעם ווען מען דאַרף אימפּלעמענטירן אַזא סאָרט געזעץ.

• צום ערשטן מאָל זינט דאָס גרינדונג פון דעם "ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו" מיט 15 יאָר צוריק, וועלן **בתי מדרשים זיין ערלויבט** צו עקזיסטירן לעגאַל אויף איר באַזן, שולן וועלן קענען זיין "טעקסעמט" און וועלן זיך קענען אויסברייטערן להרחיב גבולי הקדושה.

- דאָס זעלבע וועט יעדער יחיד בענעפיטירן פון דעם גינסטיגן און לאַנג ערוואַרטעטן טויש ווען עס וועט ענדליך ערלויבט ווערן צו אויסברייטערן די הייזער דורך עלימינירן די בייזוויליגע "אָווער לעי" רעגולאַציעס וועלכע זענען בלויז געוואָרן שטרענגער און שאַרפער דורכאויס די פאָריגע ווילעדזש אַדמיניסטראַציעס, דירעקט צו איינצוימען דאָס וואוקס פון אחבנ"י.

✦ ✦ ✦ ✦

- **"מעריוואלד וואַסער פילטערישאן" פראָיעקט ב"ה אנגעצינדן געוואָרן** און האָט שוין אָנגעהויבן די אַרבעט צו "פלאָשן" און דורכשווענקן די טאַנקן און וואַסער פייפס וועלכע זענען אָנגעזאַמלט מיט שמוץ, ראָסט און זאַמד פון צענדליגער יאָרן פאַרנאַכלעסיגקייט.

- גלייכצייטיג אַרבעט די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע און היימישע געהילפן צום מעיאָר, צו פאָראויס שטופן גרויסצוגיגע און **ברייטע פלענער** וואָס וועט בעז"ה אַהערשטעלן **פרישע קוועלער פון גענוג זויבערע ריינע וואַסער** פאר דער גאַנצער שטאט להחיות בהם נפש כל חי.





## אב תשפ"א לפ"ק

- חידוש'דיגע און זעלטענע סצענע אין בלומינגראוו! עס ווערט געגאָסן די פונדאַמענטן פאר אַ שפּאָגל נייעם בוי- פּראָיעקט! נאָך לאַנגע יאָרן וואָס בלומינגראוו איז געשטאַנען פאַרפרוירן אָן קיין שום מעגליכקייט צו מרחיב זיין גבולי' הקדושה, איז די הנהלת ישיבה קטנה ד'וויזניץ צוגעטרעטן און פאַקטיש שוין אָנגעהויבן די בוי אַרבעט פון אַ פּרעכטיגער בנין לשם ולתפארת, וואָס ווערט געבויעט מיט די פולסטע ערלויבעניש און הילף פון דעם היזיגן ווילעדזש.





- עס גלייבט זיך שווער אַז בלויז מיט אַ יאָר צוריק האָט יעדע בית המדרש אָדער ישיבה דאָ אין שטאָט געדאַרפט אַריבערגיין שבעה מדורי גיהנום, לעגאַלע געפעכטן און קאָסטבאַרע געריכט קלאַגעס, בלויז צו באַקומען ערלויבענישן פאר עקזיסטירנדע בנינים, אָבער עס גייט ב"ה אַ נייע פּרשה אין בלומינגראוו, מען גיסט פונדאַמענטן פאר אַ נייעם בנין וואו אידישע קינדער וועלן לערנען תורה און דינען השי"ת.

- דאָס אייגנאַרטיגקייט פון "בלומינגראוו באחדות" קומט אויך אַצינד צום אויסדרוק ווען די קאָנקריט פאַר'ן בנין ווערט געגאָסן דורך האחים ווייס הי"ו, פון די אלעמען באקאנטע פירמע טאטעל קאנקריט מחשובי תושבי ועסקני העיר, אין אַ פּאָזיטיווע צייכן פון אַן אייגענע בליענדע עקאָנאָמיע צווישן אונז בלומינגראווער איינוואוינער.





עפּילאָג:

# דער שיינער "עבר" און דער לעכטיגער "עתיד"

- אצינד, שטייענדיג צוויי יאָר שפּעטער, זענען מיר תושבי העיר ב"ה שוין "איינגעוואוינט"... עס איז שוין אַ חלק פון דעם רוטין און ס'איז אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע זאַך אַז ביי יעדע גרעסערע און קלענערע פּראבלעם וואס זאל נישט פּאסירן, איז באַלד פאַרהאַן אן אדרעסע... ס'זענען דא אונזערע געטרייע שלוחים, וואס וועלן טון אלעס אויף דער וועלט צו העלפן, צו באגלייטן און צו פארזיכערן אז יעדער יחיד און דער גאנצער ציבור באקומט זייערע נויטיגע און בארעכטיגטע געברויכן און באדערפענישן, אויפ'ן שענסטן פארנעם.

- **ויקם השדה תקומה היתה לה! בלומינגראוו האט טאַקע באמת אויפגעלעבט מיט די נאבעלע פאַקטישע און זאַכליכע שריט למען הכלל והפרט, וואס גיט פאר אונז אלע תושבי העיר, א רואיגן, א פרעכטיגן און א קראנטן עתיד, מיט די ריכטיגע ערנסטקייט, געטריישאפט און תורה'דיגע הוראה פאר א בעסערן צוקונפט פון וואוקס און שטאנדהאפטיגקייט בסייעתא דשמיא.**

- במשך די צוויי יאָר שפּירט עס ב"ה יעדער איינציגער איינוואוינער אַז ער איז א גלייכער שותף אין יעדע באשלוס און אין יעדע שריט פון דעם באורד, וואס זענען בסך הכל די פארטרעטער פון אונז אלע. אָן קיין היציגע לופט, אָן קיין שווערע געפילן, מיט א רואיגקייט און מיט א פאראייניגקייט, כולנו כאחד למען עתיד עירינו לשם ולתפארת.

- **די אחדות'דיגע אטמאספערע און די פאראייניגטע שטימונג** וואס "יו. דזשעי.סי." **האט אריינגעברענגט ביי אונז אין געגנט, גיט פאר יעדן דעם אמת'ן געפיל אז ס'איז נישט קיין איינזייטיגע קהלה אדער א גרויסהאלטערישע "וועד" וואס ציעט די פעדימער באזירט אויף שמאלע אינטערעסן פון "קהל" אדער פון די "עסקנים"... נאר פונקט קאַפּויער! ס'איז "איך", ס'איז "דיך", ס'איז "אונז אלע", וואס פארמירן דעם סטרוקטור פון דער נאבעלער אָרגאַניזאַציע, מיט דעם זעלבן תכלית: לעבן רואיג און צופרידן און מגדל זיין אונזערע קינדער מיט הרחבת הדעת.**

- בלומינגראוו האָט באַוויזן צו זיין אַ היסטאָרישער קידוש שם שמים און א פלא וואס ווערט באוואונדערט דורך די גאנצע אידישע וועלט, וויאזוי מען לעבט אזוי שיין אלעס אינאיינעם, און וויאזוי יעדער איינוואוינער האט כסדר הנאה דירעקט און אומדירעקט פון דעם געוואלדיגן כח הציבור, וואס וועט האפענטליך נאכמער פארשטארקערט ווערן מיט'ן כח פון אחדות און מיט די פאראייניגטע אחריות פון אונז אלע.

- **ווען מען קוקט צוריק צו אַזאַ תקופה פון בלויז צוויי יאר אנגעפולט מיט אזויפיל הצלחה, אזויפיל סייעתא דשמיא און אזויפיל ברודערליכע אחדות מיט קעגנזייטיגע פאראייניגטע כוחות דורך אלע תושבי העיר ביינעזאם, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א לויב געזאנג צו השי"ת, עד הנה עזרוני רחמך, מיט א געבעט אויף ווייטער אז מען זאל ווייטער מצליח זיין צו העלפן און גרינגער מאכן פאר'ן כלל און פאר'ן פרט און צו נאכמער מוסיף והולך זיין לעשות חיל למענינו, למען דורותינו, עד ביאת הגואל!**

# • אַלעס אַ דאַנק אייך;
## • יעדער יחיד פערזענליך!

דאָס איז הכל מודים אַז אונזער באַליבטע שטאט בלומינגראוו איז לכל הדעות אַ חידוש, אַ וועלטס וואונדער, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין די לעצט – געדענקטע היסטאָריע.

די געשיכטע פון בלומינגראוו איז עפּעס וואָס וועט נאָך לאַנגע יאָרן שטודירט ווערן דורך אָבזערווירער און היסטאָריקער, וויאַזוי עס איז צושטאַנד געקומען אַזא סאָרט וואונדערליכע מציאות פון אַזאַ שפלות צו אַזאַ פּראכט, מבירא עמיקתא לאיגרא רמא, און אַלעס אין אַזאַ קורצע צייט, אויף אַזאַ הערליכן פאַרנעם, לא יאומן כי יסופר.

**אָבער בצדק ניתן להאמר, אַז דער גרעסטער חידוש פון בלומינגראוו, די סאַמע שפּיץ שיינקייט און פּראַכט פון בלומינגראוו איז דייקא עפּעס אַנדערש. ס'איז דער "כח היחיד", די געבענטשטע איינפלוס און השפעה וואָס יעדער אינדווידועל, יעדער תושב העיר, פאַרמאָגט און נוצט אויס, וואָס דאָס, און טאַקע בלויז דאָס, האָט געברענגט בלומינגראוו דאָרט וואו זי שטייט היינט ב"ה.**

דער עצם עקזיסטענץ פון בלומינגראוו איז אייגנטליך צושטאַנד געקומען בלויז און אויסשליסליך דורכ'ן קוראַזש פון יחידים; הויז נאָך הויז, יחיד נאָך יחיד. אָבער פּונקט אויף דעם זעלבן מהלך איז אויך צושטאַנד געקומען דער אויפבלוה פון בלומינגראוו אַלס אַן עיר ואם בישראל.

דער פריידיגער ווילעדזש איבערגאַנג פון פיינט צו פריינד האָט נישט פּאַסירט דורך גרויסע אינסטוטוציעס און מאַכטפולע פירמעס, עס האָט ניטאַמאָל פּאַסירט בלויז דורך די געטרייע עסקנים און שתדלנים, ס'איז געווען די פּערזענליכע געפיל פון יעדן תושב העיר, ס'איז געווען די פּרטיות'דיגע שטימע פון איין יחיד און נאָך אַ יחיד, משפּחה ומשפּחה, איש וביתו, איינוואוינער אין אונזער באַליבטע שטאט, וואָס שפּירן אַלע דעם זעלבן אחריות פאַר אונז אליינס, פאר אונזער אייגענע שטוב און קינדער.

**דאָס איז טאקע די הערליכע פענאמענאן וואָס מען האָט געזען אין בלומינגראוו דורכאויס די לעצטע צוויי יאָר, וויאזוי אזא קאלירפולער ציבור, פון 3 באזונדערע געגנטער, פון אזויפיל קהלות און קרייזן, ווען יעדער איינער האט דאך זיין אייגנארטיגע שניט און פּערזענליכע שטריכן, דאָך אַרבעט מען אינאיינעם דורכאויס די גאַנצע צייט, ווייל יעדער ווייסט אַז ער איז אַ גלייכער שותף, יעדער שפּירט אַז זיין פּערזענליכע שטימע מאַכט אויס, מיר זענען אַלע דערינען אינאיינעם.**

די שלוחי הציבור פונעם יו. דזשעי. סי. "באורד" זענען ערוועלט געוואָרן דורך דעם ציבור און זיי ווארטן צו הערן יעדנ'ס חוות דעת, מען קוקט ארויס זיך צו אויסשמועסן אינאיינעם, דעבאטירן און דורכרעדן יעדע נושא, און טאקע זעהן וויאזוי ס'קען ארבעטן אויפ'ן בעסטן פארנעם.

★ ★ ★

ס'איז אונזער פּערזענליכע שטימע, וואָס האָט אַריינגעשטעלט די שלוחי הציבור אינעם יו. דזשעי. סי. באָורד, וואָס זענען ערוועלט געוואָרן "דורך" דעם ציבור, כדי צו "באַדינען" דעם ציבור.

ס'איז אונזער פּערזענליכע שטימע וואָס האָט ב"ה געטוישט דעם ווילעדזש פּירערשאַפט צום גוטן מיט אַזאַ דראַמאַטישע שינוי לטובה מקצה אל הקצה.

**ס'איז אונזער פּערזענליכע שטימע וואָס אַדאַנק דעם האָט מען ב"ה אָנגעקניפּט גוטע באַציאונגען מיט מאַכטפולע פּאָליטישע באַאַמטע וועלכע שטעלן זיך אַרויס לטובת בלומינגראוו און וועלן נאָך בעז"ה אַסאַך צוניץ קומען פאר די אידישע אינטערעסן דאָ אין שטאָט.**

**ס'איז אונזער פּערזענליכע שטימע וואָס האָט ערמעגליכט צו פולקאָם ערזעצן דעם "פּלענינג" באָורד, דעם "זאָונינג באָורד" און די אַלע אַנדערע וויכטיגע אָפּטיילונגען אין דעם ווילעדזש.**

**און ס'איז אונזער פּערזענליכע שטימע, אונזער "כח היחיד", פון יעדן איינציגן איינוואוינער, וואָס וועט ווייטער פאָרמירן דעם הערליכן "כח הרבים", מיט אַזאַ כבוד שמים לשם ולתפארת!**


קהל דברי חיים
צאנז זמיגראד
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
55 Mangin Rd. Blooming Grove, NY 10950
ראו ואתכנשו להילולא דרבי
בהדרת קודש הננו מודיעים בזה
לקהל אנשי שלומינו אשר בעזהשי"ת יתקיים
סעודת הילולא
לקראת יומא דהילולא קדישא
מרן רבינו הקדוש והטהור מסאטמאר זי"ע
ג' פרשת ראה הבעל"ט
אור ליום כ"ו אב
תיכף אחר מעריב נטילת ידים לסעודה
בהיכל בית מדרשינו
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ישמיע דברות קודש
במשנתו הטהורה של מרן בעל ההילולא זי"ע
זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל, וזכות התאספות להחזק בדרכיו ולשנן
משנתו הטהורה והבהירה, ולהדבק באורחת צדיקים, יושר יליץ בעדינו, וזכרו הקדוש לא ימוש
מאתנו ומזרעינו עד עולם, עדי נזכה בקרוב לביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א
הנהלת הקהלה

ב"ה

# ווילעדזש בולעטין

נייעס • אַפּדעיטס • אַנטוויקלונגען • נאָטיצן

אינערהאַלב די קאָרידאָרן פון דעם ווילעדזש און סאַוט בלומינגראָוו

# זאָונינג באָורד מיטינג אָפּגעהאַלטן מיט עֶרפאָלג; דיסקוסירט אויפבוי פון "ביזנעס פּאַרק" דעוועלאָפּמענט

דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך דברים איז איז פאָרגעקומען די ערשטע מיטינג דורך דעם זאָונינג באָורד אסאסעיישאן פון דעם ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראוו, אָדער ווי באַקאַנט אַלס די ZBA, די אַגענטור וואָס באַפאַסט זיך מיט אַפּליקאַציעס וואָס די פּלעננינג באָורד שיקט אַריבער אין פאַל עס פאָדערט זיך צו באַטראַכטן ספּעציעלע פּראָיעקטן וועלכע זענען נאָכנישט אין איינקלאַנג מיט די זאָונינג געזעצן.

די זאָונינג באָורד איז לעצטנס ב"ה פאַראיבער אַ געוואַלדיגע אויפשאָקלונג צום גוטן, ווען נאָך די פאַרלאָפענע וואַלן האָט דער מעיאָר אַריינגעשטעלט נייע היימישע מיטגלידער אין דעם באָורד, און גלייכצייטיג באַשטימט דעם באגאבטן טשערמאַן, הר"ר יושע ביטמאַן הי"ו מיקירי תושבי העיר.

אצינד, ביי דער ערשטער מיטינג, מיט דער באטייליגונג פון אלע באורד מיטגלידער און אנגעפירט דורך דעם טשערמאן מיט א געניטע פראפעסיאנאליזם, איז ארויפגעברענגט געווארן די געפלאנטע גרויסע "ביזנעס פארק" דעוועלאפמענט וואס וועט בעז"ה אויפגעשטעלט ווערן אין הארץ פון דעם ווילעדזש, אלס א פרעכטיגע און צוגענגליע ביזנעס צענטער פאר די גאנצע גלילות פון בלומינגראוו.

די איניציאטארן פון דעם פראיעקט האבן דערביי פארגעשלאגן א פארלאנג צוצולייגן נאך 25,000 סקווער פיס צו די צוויי בנינים וואס וועט געבויעט ווערן. גלייכצייטיג איז דיסקוסירט געווארן דאס וויכטיגקייט פון צושטעלן גענוג פארקינג מיט א פאראויס באשטימטן פלאן וויאזוי די טרעפיק זאל פונקציאנירן ארום דעם צענטער, עס זאל זיך נישט איבערשפילן דאס וואס פאסירט אין אנדערע געדעכטע אידישע געגנטער, וואו מען האט זיך פאררעכנט מיט טרעפיק און פארקינג, וואס שאפט צו יעדע געלעגנהייט זייער אנגעלייגטע גאסן.

עס איז טאקע ארויסגעהויבן געווארן לשבח די דעוועלאפער וועלכע רעכענען זיך גאר שטארק מיט'ן ציבור און ווילן טאקע פארזיכערן אז אלעס ווערט דורכגעפירט מיט די מאקסימום הרחבת הדעת פאר דער געגנט, און דעריבער האבן זיי באלד פארגעשלאגן אז טראץ דעם וואס לויט'ן געזעץ דארפן זיי איבערלאזן 500 פארקינג פלעצער, טוען זיי זיך פארפליכטען צוצושטעלן 650 פארקינג פלעצער אויף דעם שטח ארום דעם ביזנעס פארק.

גלייכצייטיג האבן די דעוועלאפער פארשפראכן אז זיי וועלן איבערגעבן א טייל פון זייער לאנד צום ווילעדזש, אז מען זאל קענען דערויף אויסברייטערן דעם רד. 208, עס זאל קענען אין דער נאנטער צוקונפט פארוואנדלט ווערן אין א ברייטע 4 וועי ראוד, מיט "טוירנינג לעינס" ביי די אינטערסעקשאנס, און אנדערע זיכערהייט מאסנאמען וואס וועט זיין א געוואלדיגע הילף פאר דער גאנצער געגנט.

די מיטינג האט זיך געשלאסן אין א גינסטיגע שטימונג ווען מען רוקט זיך אצינד פאראויס מיט די נויטיגע פראצעדורן, דורכצופירן די טראנזאקציע און דער "דיעד דעדיקעישן" פאר דעם נייעם פראיעקט. אזוי אויך ווערט צוגעגרייט די "פלענס" פון דעם פארברייטערטן 4 וועי ראוד, און די מאפע פון די הונדערטער פארקינג ערטער ארום דעם צענטער, וואס וועט האפענטליך באשטעטיגט ווערן אין די קומענדיגע חדשים.



# פלענינג באורד מיטינג באהאנדלט גרויסצוגיגע "סטאון געיט" פראיעקט

ביי דער ערשטער "פלענינג באורד" מיטינג וואס איז פארגעקומען אויף א פערזענליכן פארנעם, זינט דעם קאראנא אויסברוך פאראיאר, איז ארויפגעקומען דער "סטאון געיט" פראיעקט, די געפלאַנטע גרויסע שאַפּינג און ביזנעס צענטער וואס וועט אויפגעשטעלט ווערן ביי העכסט - סטראַטעגישע ווינקל פון סטאון געיט רד. און דער 208 רד, נאָענט און פראַקטיש צו הונדערטער איינוואוינער פון בלומינגראוו און גלילות.

דער פראיעקט האט שוין פאקטיש באקומען אן א.ג. "קאנדישענעל אפראוועל", נאכדעם וואס דעם מעיאר'ס שטאב האבן אויסגעארבעט א געניאלן פלאן וויאזוי די דעוועלאפער וועלן קענען צולייגן א דריטן שטאק און וועלן נישט דארפן געבן אוועקגעבן טייערע אידישע פראפערטי פאר "אפן ספעיס", אין אויסטויש וועלן זיי אריינריקן די גאנצע געביידע ארייינציר פונעם 208 געבענדיג מער לאנד פאר'ן ווילעדזש צו קענען דורכפירן דעם פראיעקט פון אויסברייטערן דעם 208 אויך אויף דעם שטח.

אצינד זענען די אינציאטער טאקע צוריקגעקומען מיט דעם איבערגעפרישטן "סייט פלען" וואס איז פארגעלייגט געווארן און באשטעטיגט געווארן דורך דעם פלענינג באורד. געוויסע טיילן פון דעם פלאן זענען באזונדער אריבערגעשיקט געווארן צו דער "זאָונינג באָורד אסאסעישאן" וואס דארף דאס לעגאל באשטעטיגן און דורכפירן.

ווי עס ווערט ערווארטעט וועט די זאונינג באורד דאס באהאנדלען ביי זייער אפיציעלע מיטינג, אין די קומענדיגע צוויי וואכן, ווען מען וועט אויך הערן די ווייטערדיגע דעטאלן פון דעם פראיעקט.



# ווילעדזש וועב-זייטל ווערט איבערגעפרישט מיט פילע נייטיגע פונקציעס און סערוויסעס

די שטאב פונעם מעיאר האבן אין די לעצטע טעג אנגעהויבן דעם לאנג ערווארטעטן אינטערנעמונג, צו פולקאם איבערפרישן און אפדעיטן דעם וועבזייטל פון דער ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו. עס ווערן אצינד אויפגענומען די ריכטיגע פירמעס וואס וועלן אהערשטעלן א באקוועמע און צוגענגליכע וועבזייטל, 'יוזער פרענדלי' און נוצבאר פאר די איינוואוינער.

עס וועט דערביי איינגעשטעלט ווערן אן אפציע צו קענען באצאלן 'וואסער בילס', טעקס בילס', און אנדערע בילס אויף א לייכטן שטייגער. מען וועט קענען זוכן פאר "טעקס רעקארדס", און "פראפערטי רעקארדס", און ארייינשיקן אפליקאציעס פאר קאנסטראקציע און אנדערע סארט דאקומענטן, וואס וועט פארלייכטערן פאר אלעמען.

דער וועב-זייטל וועט אויך אנטהאלטן פילע אינפארמאציע און סאציאלע סערוויסעס פאר די איינוואוינער.

דער איבערגעפרישטער וועב-זייטל אנטשפרעכט צו זיין העכסט אינפארמאטיוו און נוצליך פאר אלע געלעגנהייטן בס"ד.

פאר סיי וועלכע קאמענטארן, קריטיק אדער פארשלאגן. אזוי אויך סערוויסעס וואס איר קלערט אז עס וואלט געווען נוצליך צו זיין אויפ'ן ווילעדזש וועבזייטל, ביטע לאזט אונז וויסן, דורך שיקן אן אימעיל צו:

website@vosbg.com



# ווילעדזש אפליִיט פאר מולטי מיליאן דאלערדיגע גרענט וואס וועט האפענטליך ערמעגליכן פולקאם נייע סוער סיסטעם

פארגאנגענעם פרייטאג דברים האט די ווילעדזש אפיציעל אריינגעגעבן א פארלאנג צו די פעדעראלע רעגירונג צו ערהאלטן א גרענט פון נאנט צו 11 מיליאן דאללער, וואס האט שוין געברענגט אומצאליגע שאדנס פאר הויז אייגענטומער, ספעציעל אין די נידריגערער געגנטערמיליאן דאללער, וואס זאל גענוצט ווערן צו איבערפרישן פונדאסניי דעם גאר - פארעלטערטן 'סוער סיסטעם' אין דער ווילעדזש, וואו דער סוער קומט אפט ארויף און איז גורם שטארקע היזיקם רואינירנדיג בעיסמענטס און הייזער.

דער גרענט ארבעט מיט א סיסטעם אז 25 פראצענט פון דעם פראיעקט ווערט גענצליך באצאלט דורך די פאנדן פון דעם גרענד, ווידעראום די איבריגע 75 פראצענט ווערט געשאנקן אלס א "זערא אינטערעסט לאון" וואס קען עווענטועל באצאלט ווערן דורך אנדערע גרענטס און גאווערמענט באנדס.

פארשטענדליך אז צו קענען ווערן אפראווט פאר אזא מולטי-מיליאן דאלער'דיגע גרענט דארף דער "ווילעדזש" פרעזענטירן א גאר קאסטבארע "אינדזשענירונג רעפארט", וואס צייגט אויף די שאדנס וואס די פארצייטישע און אלטמאדישע פייפס ברענגען פאר'ן געגנט און דער ריכטיגער סיסטעם וואס דארף איינגעשטעלט ווערן צו פארמיידן די אלע פראבלעמען.

אזא רעפארט געדויערט לאנגע חדשים צו אנגרייטן און עס קאסט אפ ריזיגע געלטער, ב"ה אדאנק די געניטע ארבעט פון די ווילעדזש באאמטע האט מען אבער באוויזן צו שאפן א באזונדערן גרענט וואס צאלט אויס די קאסטן פון דעם "אינדזשענירונג רעפארט" אז עס זאל נישט דארפן באצאלט ווערן דורך די געלט פון אונזערע שטייער צאלער.

נאכדעם וואס דער רעפארט ווערט פארענדיגט און באשטעטיגט ווערן וועט מען האפענטליך ערהאלטן די "עפראוועל" צו באקומען די פאנדינג פון די פעדעראלע רעגירונג. לויט די געוועגליכע סטאנדארטן וועט דאס ווארשיינליך אנקומען נישט בעפאר יאר '23 למספרם.

# גרויסצוגיגע 'ראָוד אינפראַסטראַקטור' פּראָיעקטן ווערן געלאָזט אין שוואונג בעפאָר דעם קומענדיגן ווינטער

ס'איז נישט קיין סוד פאר מאָטאָריסטן און איינוואוינער דעם נאָכגעלאָזטן צושטאַנד פון טייל ראָודס דאָ אין ווילעדזש, וועלכע זענען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן דורכאויס לאַנגע יאָרן. איבערהויפּט איז דאָס קענטיג אויף דעם "פיין היל" ראָוד, וואָס ווערט אין די ווינטער מאָנאַטן פאַרוואַנדלט אין סכנה'דיגע שוואַרצע אייז, צוליב דעם וואָס די ראָוד איז נישט געהעריג "געפיטשט", אַזוי אַרום אַז דאָס וואַסער, שניי און אייז רינט נישט געהעריג אַראָפּ צו ביידע זייטן פון דעם ראָוד אַריין אין דעם "דרעיניזש", נאר עס פאַרבלייבט אויפ'ן ראָוד שטעלענדיג אין געפאַר פאַרבייגייער.

ענליכע סצענעס זעהט מען אויך אויף דעם "מעריוואלד לעין נארט" ראָוד אין "לעיק שאור", וואָס איז גענצליך צעשטערט און צעבראָכן, און עס פאָדערט זיך באַלדיגע רענאָוואַציע צו אינסטאָלירן "דרעיניזש" און אויך אַריינלייגן קאָסטבאַרע "קוירבינג" פאר די זיכערהייט פון דעם ראָוד.

שטייענדיג נאָך לאַנגע וואָכן בעפאָר דעם אָנקום פון דעם ווינטער זענען שוין אָבער די געהילפן צום מעיאָר, אינאיינעם מיט די ווילעדזש עקספּערטן, פאַרנומען מיט דעם הינזיכט, צו פאַרזיכערן אַז די צוויי ראָוד'ס ווערן פולקאָם רענאָווירט און פריש אויסגעפלאַסטערט מיט אַלע נויטיגע איינריכטונגען נאָך בעפאָר דעם קומענדיגן ווינטער בשעה טובה ומוצלחת.

אין די יעצטיגע טעג אַרבעט מען צו שאַפן די נויטיגע "קוואטס" מיט די פּרייזן פאר דער גרויסער אַרבעט. אַדאַנק די אחריות'דיגע ווילעדזש ווירטשאַפט דורכאויס דאָס פאַרלאָפענע יאָר איז ב"ה באַוויזן געוואָרן צו אַוועקלייגן אַ גרעסערע סומע פון נאָנט צו 360 טויזנט דאללער, ספּעציעל געווידמעט פאר די קאָסטבאַרע פּראָיעקטן, און מען האָפט טאַקע אין די גאָר נאָנטע טעג צו דורכפירן די אַרבעט געניט און שלימות'דיג צו אַלעמענס צופרידנהייט און זיכערהייט.

# אַדאַנק עפעקטיווע אינטערווענץ; ווילעדזש וועט ערהאַלטן גרויסע 'גרענט' פון פעדעראַלע ARPA פאָנדן

מיט צופרידנהייט איז אויפגענומען געוואָרן די פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג אַז נאָך די נויטיגע שתדלנות איז באַשטעטיגט געוואָרן אַז אונזער "ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינגראָוו" וועט ערהאַלטן די סומע פון $322,000 פון דעם "אַמעריקען רעסקיו פלען עקט", בעסער באַקאַנט אַלס ARPA, אַן 1.9 טריליאָן עקאָנאָמישע סטומיולוס ביל וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך פּרעזידענטביידן פאַרלאָפּענעם מאַרש.

דער גרענט איז ב"ה צושטאנד געקומען נאכדעם וואס די ווילעדזש שטאַב האָבן זיך אַריינגעלייגט, אינאיינעם מיט'ן נארוואס אויפגענומענעם גרענט שרייבער, צו פאַרזיכערן אַז עס ווערט געטון די ריכטיגע שריט, און עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט די נויטיגע דאָקומענטן און אינטערוועניץ בעפאָר דער גרענט לויפט אויס.

מיט אסאך סייעתא דשמיא האָבן די פּעולות געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאַטן ווען די פעדעראַלע רעגירונג האָט באַשטימט דעם גרויסן פאָנד וואָס וועט אייגעטיילט ווערן אין צוויי טיילן. דער גרענט איז אויסגעשטעלט אַז די ערשטע האַלב פון דאָס געלט וועט אָנקומען אין געציילטע וואָכן אַרום, און די צווייטע האַלב וועט אַרויסגעשיקט ווערן קומענדיגע יאָר זומער.

גלייכצייטיג אַרבעטן די געטרייע ווילעדזש באַאַמטע, אינאיינעם מיט'ן גרענט שרייבער, צו אַריינברענגען נאָך פילע גרעסערע פאָנדן פאר אַלע ערליי וויכטיגע אויסגאַבן וואָס פאָדערט זיך אַזוי קריטיש, ווי וואַסער, סוער, עלעקטעריק, סטריט עלעקטער, ראָוד אינפראסטראקטער, הילף פאר קלענערע ביזנעסער, א.א.וו.

פאַרשטענדליך אַז די סאָרט השתדלות געדויערט אַסאַך צייט, אינטערוועניץ און געלט, אָבער די אַרבעט זעצט פאָר מיט אַ פלייס, צו זוכן און אויפקומען מיט פרישע הכנסות פאַר'ן ווילעדזש, וואָס וועט בעז"ה שפּאָרן שווערע אָפּגעהאָרעוועטע טעקס געלטער פון די ווילעדזש איינוואוינער.

# פריילִיכע "קאָמיוניטי דעי" באַשטימט אויפ'ן קומענדיגן חול המועד סוכות הבעל"ט; ספּעציעל געאייגנט פאר היימישע קינדער געבענטשטע פאַמיליעס

שוין לאַנגע יאָרן וואָס אַלס אַ טייל פון דעם "ווילעדזש בודזשעט" ווערט אַראַנזשירט אן אָפיציעלער "קאָמיוניטי דעי" טאָג אַלס אַ סערוויס פאר די היזיגע איינוואוינער, ווען דער "ווילעדזש" דינגט אַרויס אַ דערנעבענדיגן פּאַרק וואו עס ווערט אַראָפּגעברענגט גאָר אינטערסאנטע און לעבהאַפטיגע אינטערהאלטונגען פאר די קינדער און עלטערן פון דעם ווילעדזש.

אין די פאַרלאָפענע יאָרן פלעגט דער פּראָגראַם געוועינליך פאָרקומען אום שב"ק, ווען עס האָט נישט געקענט זיין מיט דער באַטייליגונג פון די אידישע געמיינדע, אָבער דאָס יאָר, האָט די ווילעדזש באַהערדע באַשטימט, ביי דעם אָפיציעלן ווילעדזש מיטינג פאַרלאָפענעם מאָנטאָג דברים, אַז דער "קאָמיוניטי דעי" אָפּגעהאַלטן ווערן בעז"ה דעם קומענדיגן פרייטאָג און זונטאָג חול המועד סוכות תשפ"ב הבעל"ט, כדי צו געבן די געלעגנהייט צוצושטעלן איידעלע און אויסגעהאַלטענע אונטערהאַלטונג פאר אונזערע טייערע קינדערלעך אין די דערהויבענע יום טוב טעג.

דער ווילעדזש וועט בעז"ה צושטעלן גאָר פריילִיכע און לעבהאַפטיגע חול המועד אקטיוועטעטן אויף אַ העכסט כשר'ן און היימישן פאַרנעם. עס ווערט ערוואַרטעט די באַטייליגונג פון באַקאַנטע אידישע ספּאַנסערס, און ס'וועט אויך צוגעשטעלט ווערן אויפ'ן אָרט אַ סוכה, כשר'ע איבערבייס און געטראַנקן, און פולע אינהאלטספולע אונטערהאלטונגען פאר אונזערע קינדערלעך, אויפ'ן העכסטן סטאנדארט פון קוואַליטעט, כשרות און אויסגעהאלטנקייט.

מער דעטאַלן איבער דעם ערוואַרטעטן קאָמיוניטי טאָג וועט געמאָלדן ווערן אין די ערב יום טוב טעג בעז"ה.

# מעיאָר קאַלאַזש פאַרלאַנגט באַלדיגע שריט נאָכדעם וואס העלישע פייער פאַרניכטעט גענצליך הויז מיט איין טויט-פאַל ל"ע

דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג דברים אין די פריע פאַרטאָגס שטונדן האָבן זיך בלומינגראווער איינוואוינער ערוועקט צו אַ טראַגישע סצענע ווען אַ הויז דאָ אין ווילעדזש איז איינגעהילט געוואָרן אין פלאַמען און האָט אָפּגעברענט ביז'ן גרונד, ווען דערביי איז אויך אומגעקומען איינער פון די איינוואוינער ל"ע.

עס כאַפּט אַ שוידער וויסנדיג אַז דאָס איז שוין פאַקטיש דאָס צווייטע מאָל אין בלויז געציילטע חדשים וואָס אַ הויז אין בלומינגראוו ווערט פאַרניכטעט צוליב אַ פייער, וואָס האָבן זיךביידע מאָל געענדיגט מיט טויט- פעלער ה"י. דאָס איז אַ גאָר שאָקירנדע און אויפציטערנדע סטאַטיסטיק וואָס פאָדערט אַ דורכדרינגליכע אויספאָרשונג און באַלדיגע שריט וויאַזוי דאָס צו פאַרמיידן בדרך הטבע אין דער צוקונפט.

מעיאָר קאַלאַזש האָט אין דעם זעלבן טאג, מאָנטאָג אווענט, ביי דער 'ווילעדזש מיטינג', זיך באַצויגן צו די געשעענישן און שאַרף געטאדלט אַז עס פאָדערט זיך דראַסטישע פאַרבעסערונג אין דער פייער דעפּאַרטמענט ווירטשאַפט, וועלכע ליידט פון אַ פאַרנאַכלעסיגטע פירערשאַפט און ארגעניזאציע.

ווי עס ווערט אָנגעוויזן איז די "רעספּאַנס טיים" פון דעם היזיגן פייער דעפּאַרטמענט ביי אַ גאָר שוואַכע און נידריגע שטאפל, אַזש אַז עס קען אָפט געדויערן אומגעפער 15 מינוט ביז זיי באַווייזן זיך אויפ'ן סצענע, און צומאָל קען נאָך געדויערן נאָך לאַנגע מינוטן, ביז 25 מינוט, אַז עס זאָל אָנקומען וואַסער צו אָנהויבן פאַרלעשן דאָס פייער.

די פייער דעפּאַרטמענט האָט ביים איצטיגן מאָמענט אַ רעקאָרד צאָל ווייניג וואלענטירן, ווינציגער ווי סיי ווען אין די לעצטע צענדליגער יאָרן. בסך הכל איז פאַראַן אַרום 15- 16 וואלענטירן, מערסטנס פון זיי וואוינען אינגאַנצן נישט אין די ווילעדזש גרעניצן, וואָס באַדייט אַז זיי דאַרפן פארן לאַנגע שטרעקעס בלויז אָנצוקומען פון זייער וואוינונג ביז'ן ווילעדזש, אויך ביי אַ פייער וואו יעדע מינוט איז קריטיש.

פאַקטיש האָט מען דאָס טאַקע געזען ביי דעם טראַגישן פייער דעם מאָנטאָג ווען די "סעילעס ברימליס פייער דעפּאַרטמענט" איז אָנגעקומען אויף די סצענע נאָך איידער די לאָקאַלע "סאַוט בלומינגראוו פייער דעפארמענט"! אַ הימל - שרייענדע ערשיינונג וואָס האָט שוין ליידער געקאָסט לעבנס.

דאָס קומט אין אַ צייט וואָס די יו. דזשעי. סי. האָט שוין אינוועסטירט אַסאַך השתדלות און כוחות, צו באַאיינפלוסן די "פייער דעפארמענט" אַז זיי זאָלן כאָטש ערלויבן פאר היימישע וואלענטורן, געטרייע טרענירטע פייערלעשער פון דער געגנט, צו באַדינען די געמיינדע און דערמיט איינשפּאָרן אַסאַך עגמת נפש און חלילה ארגערס פון אידישע שטיבער. אָבער צום באַדויערן האָט מען זיך אָנגעשטויסן אין די הארטע שטאָלצע פאַרוואַלטונג פון דער פייער דעפּאַרטמענט וועלכע ווילן נישט צולאָזן קיין שום פאַרבעסערונגען אין דעם דעפּאַרטמענט.

דעריבער האָט טאַקע דער מעיאָר קלאָרגעשטעלט, ביי דער "ווילעדזש מיטינג" דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג, אַז ער איז זייער נישט צופרידן פון די פאַרנאַכלעסיגטע ווירטשאַפט און אַז דאָס דארף אַדרעסירט ווערן מיט אַ זאַכליכן טויש פאר די "סעיפטי" פון די איינוואוינער. דער מעיאָר האָט באַהויפּטעט אַז דאָס איז אַ פראַגע פון לעבנס וואָס וואָלט געקענט געראַטעוועט ווערן און עס מוז אַדרעסירט ווערן און האָט דערביי באַאויפטראַגט זיינע געהילפן צו טון נויטיגע שריט אין דעם ריכטונג, מיט דער האָפענונג צו באַריכטן דעטאַלן און אָפּדעיטס איבער דער טעמע אין דער גאָר נאָנטער צוקונפט.

BULLETIN SPONSOR:
Value construction
Renovations & New Construction
Commercial & Residential
Renovations & New Construction
Commercial & Residential
845-202-0690
ValueConstructionCorp@gmail.com

# פּאָזיטיווע באַטייליגונג פון אידישע ווילעדזש איינוואוינער ביי ערשטע "אָפּענע ווילעדזש מיטינג" פאַרלאָפּענעם ב׳ דברים

דעם פארגאנגענעם מיטוואך פרשת פנחס, יוני 30 למספרם, האט גאווערנאר קואמא אפיציעל אנולירט דעם "עקזעקוטיוו אָרדער" וואָס איז פאַראַיאָר אַריין אין קראַפט אנבאלאנגט דעם קאוויד 19 עפּידעמיע.

צווישן אַנדערע איז צוריק צום אַלטן דער איינפיר פון "אָפּן מיטינגס לאָו", נאָכדעם וואָס דורכאויס די קאָראָנע עפּאָכע זענען אַלע מיטינגען פון אַלע לאָקאַלע און סטעיט באַאַמטע אָפּגעהאַלטן געוואָרן בלויז ווירטואל, דורך זום אָדער ווידיאָו. אַצינד איז אַלעס צוריק אַזוי ווי בעפאָר, אַז די ווילעדזש מיטינגען און די באָורד מיטינגען דארף דורכגעפירט ווערן פערזענליך און אַלע ווילעדזש באַהערדע דאַרפן דאָרט זיין אָנוועזנד אויף אַ פערזענליכן פאַרנעם.

דאָס זעלבע איז דער ווילעדזש האָל שוין צוריק געהעריג אָפּן, ווען יעדער איינוואוינער קען אַריינשפּאַצירן צו רעדן מיט׳ן ׳קלוירק׳, נישט ביז ווי יעצט ווען מען האָט זיך געדאַרפט האַלטן צו די "סאָשעל דיסטענסינג" רעגולאַציעס.

דעם פאַרלאָפענעם מאנטאג דברים איז ווירקליך פארגעקומען די ערשטע "אָפענע מיטינג" זינט דעם קאָראָנא אויסברוך, מיט די פערזענליכע באטייליגונג פון דער ווילעדזש באָורד און באהערדע.

ביי דער מיטינג האָט זיך שטאַרק אָנגעזען די פּאָזיטיווע אָנוועזנהייט פון פרידליכע תושבי העיר, היימישע אינגעלייט וועלכע זענען אַריבערקומען אויסדרוקן שטיצע פאַר׳ן מעיאָר און פאר די געטרייע ווילעדזש טראָסטיס, וואָס האָט ב״ה געדינט ווי אַ געוואונטשענע קעגנגעוויכט צו די עטליכע העסליכע עלעמענטן, וועלכע האָבן פּרובירט צו שטערן דעם מיטינג מיט ווילדע סענטימענטן קעגן אידן.

עס איז געווען אַ געוואַלדיגע קידוש ה׳ די נאָבעלע אויפפירונג און די אידישע מדה פון הכרת הטוב וואָס איז געקומען צום אויסדרוק ווען עס האָבן זיך אויפגעשטעלט אַ היבשע צאָל אנוועזענדע וועלכע האָבן באַגריסט דעם מעיאָר פאר אַלע זיינע לייסטונגען צו ערמעגליכן אַ פרידליכע אַטמאָספערע און פרייהייט פון רעליגיע אַז אַלע איינוואוינער זאָלן קענען דאָ לעבן מיט רואיגקייט אָן קיין פאַרפאָלגונגען, וואָס דער מעיאָר האָט טאַקע אויפגענומען מיט שעצונג און אַנערקענונג.

עס ווערט אויסגעדרוקט אַ דאַנק פאַר אַלע באַטייליגטע וועלכע האָבן דערמיט אַסאַך צוגעהאָלפן פאר די סוקסעס פון דעם מיטינג, ס׳איז זייער וויכטיג אויך אויף דער צוקונפט אַז יעדער איינוואוינער וועלכער האָט סיי וועלכע באַמערקונג, שטיצע אָדער קריטיק, זאָל אַנטיילנעמען אין די מיטינגען. ס׳איז אַ גרויסע תועלת ווען מען פאַרמאָגט אַ באַקוועמע היימישע אָנוועזנהייט און ווען דער ציבור איז אַקטיוו אין דעם פּובליק מיטינג פּראָצעדור, וואָס איז פאר אונזער טובה און פאר אונזער עתיד.














## וויכטיגע וואַסער מעינטענֶענס

אי״ה קומענדיגע מאנטאג שופטים, ר״ח אלול, ולמספרם אויגוסט 9, וועט די ווילעדזש וואסער דעפארטמענט אנפאנגען צו פלאשן אלע וואסער מעינס.

ווי באקאנט זענען די וואסער מעינס אין די ווילעדזש איבער 50 יאר אלט, און ס׳זאמלט זיך כסדר אן אין די פייפס ראסט, מאראסט און שמיץ, די פייפס ברעקלן אויך פון אינעווייניג פון אלטקייט, און דאס איז א סיבה אז מיר האבן דא שמוציגע וואסער.

דעריבער פרובירט מען לכה״פ איינמאל א יאר, (אדער מער, לויט וויפיל עס פעלט זיך אויס), דורכשווענקן און דורכפלאשן די פייפס מיט גאר אסאך וואסער אויף היי פרעשור, וואס דאס טוט אויסזויבערן און אויסרייניגן די פייפס לויט וויפיל עס איז מעגליך.

די ארבייט וועט זיך אנפאנגען אויף די זייט פון לעיק-שאור, די גאנצע לעיק-שאור געיגנט, און פון דארט גייענדיג צו ווירדזשיניע, פענסילוועניע, ארלינגטאן, מענזשין, פיין היל, האטערן, סיערס, גרין, מייקל, און דערנאך וועט די ארבייט ווייטער פארזעצן אין די ווארלי הייטס וואסער דיסטריקט.

די ארבייט קען געדויערן א משך פון צוויי וואכן, במשך די צייט קענט איר ערווארטן נידריגע וואסער פרעשור, ווי אויך איז מעגליך אז די וואסער וועט אין געוויסע צייטן האבן א ברוינע קאליר, **דעריבער זאל מען במשך די צוויי וואכן מער אכט געבן פאר מען וואשט די וועש און פאר׳ן קאכן, ווי אויך זאל מען מער אפטער טוישן די פילטער׳ס.**

## בעיבי ווייפּס / סוער-בעקאָפּ

די פארגאנגענע פרשת פנחס איז געווען א סוער-בעקאָפּ אין די געגנט ביים אינטערסעקשן פון שכונת קעפּיטאל היל, מעריוואלד/ווירדזשיניע, וואס דארט איז א וויכטיגע סוער דזשאנקשען פאר די קעפּיטאל היל אומגעגנט, דעריבער מאכט זיך זייער אפט אז די סוער זאל דארט ווערן שטארק אנגעלייגט.

די ווילעדזש באהערדע איז תיכף אנגעקומען אויפן ארט, און מען האט אויפגעגראבן דאס פלאץ, און מעט האט גאנץ שנעל באוויזן אויפצושטאפן דעם סוער ליין.

דא איז דאס ארט אנצומערקן אז רוב רובו פון די סוער-בעקאָפּס וואס האבן שוין אנגעברענגט פאר איינוואוינער פון ווילעדזש גאר אומגעהויערע שאדנס מאכט זיך פון דעם וואס מען פלאשט אראפ ווייפס, סיי פלאשעבעל און סיי נישט פלאשעבעל.

**עס איז דאס פלאץ אויפמערקזאם צו מאכן אז דער ווילעדזש סוער סיסטעם האט אלטע פייפס, דעריבער איז נישט ראטזאם קיינמאל אראפצופלאשן קיין שום ווייפס, ניטאמאל פלאשעבעל ווייפס.**

**אנא, חוסו על ממון ישראל, אייערע שכניםליידן פון אומנויטיגע סוער-בעקאָפּ וואס וואלט געקענט פארמיטן ווערן, עס איז גורם פיל עגמת נפש און היזקים.**

אין די קומענדיגע טעג גרייט מען זיך צו דזשעטן דעם גאנצן סיסטעם בעפאר׳ן ווינטער, זיכער צו מאכן אז אלע ליינס זענען קלאר פון שמוץ, מיר וועלן אי״ה מודיע זיין דעם ציבור בעפאר די ארבעט וועט פארקומען.

# וואסער פּאמפּ אויסשאלטערונג

דעם פארגאנגענעם שבת פ׳ מטות-מסעי האבן זיך טייל איינוואוינער פון שכונת לעיק-שאור אויפגעוועקט אז די וואסער ארבעט נישט, און ווי נאר די גויאישע שכנים האבן אריינגערופן צום ווילעדזש׳ס 24 עמוירדזשענסי האט-ליין נומבער, איז עס גאר שנעל געטרענספערט געווארן צום וואסער אפּאַרעיטער, וועלכע זענען תיכף געקומען אראפצופארן כדי אונטערצוזוכן דעם פראבלעם.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איינע פון די דזשענערעיטארס האט פארלוירן די עלעקטעריק, דעריבער האט עס נישט געקענט געבן ענערגיע און קראפט פאר די פאמפ׳ס צו שטופן דאס וואסער צו די נויטיגע לאקאציעס, אבער ב״ה ביז א דריי פערטל שעה איז די זאך געקומען אונטער קאנטראל, און דער פראבלעם איז געלעזט געווארן. אצינד טוט די ווילעדזש זיכער מאכן אויפן עתיד אז דער פראבלעם זאל זיך נישט ווידערהאלטן בס״ד, כדי דאס וואסער זאל שטענדיג ווייטער פליסן.

# דרעינידזש פאַרשווענונג

אין די פארגאנגענע צוויי יאר האבן איינוואוינער פון שכונת אלד-טאן, סטראבערי באמערקט, אז נאך יעדע שטארקע רעגן ווערן פארשידענע פראפערטיס גאר שטארק פארשוועמט, ס׳האט געברענגט א שרעק אז דאס זאל נישט חלילה שאטן פארן שטארקייט פון די יסודות פון די הייזער, אינטעגריטי פון די פאנדעישענס.

ווי נאר די ווילעדזש און דער מעיאר האבן זיך אריינגעלייגט דערין, צו פרובירן אויסצוגעפינען די סיבה וואס עס איז דער גורם דערצו, נאכ׳ן נאכזוכן און אויסגראבן אויף פארשידענע פלעצער האט זיך ארויסגעשטעלט אז דארט איז פארהאן אן אלטע דרעינידזש ליין וואס לויפט אראפ פון די האוטערן גאס דורך סטראבערי לעין ביז אלד טאון, און די דרעינידזש ליין איז אינגאנצן אויפגעגעסן און פארראסטעט.

מען האט שטוינענד באמערקט אז עס פעלט דארט גאנצע שטיקער פונעם פייפ, אזוי לאנג ווי 160 פיס איז אינגאנצן פארראסטעט געווארן און איז צופאלן, דעריבער אנשטאט דרעינידזש זאל פארן אינעם אפלויף ווי עס דארף אנקומען, טוט עס פארשווענען די דורכלויפנדע פראפערטיס.

די ווילעדזש האט שוין אצינד באשטעלט אלע נויטיגע פארטס, און די פאררעכטונג׳ס ארבעט וועט זיך אנפאנגען ווי אומשנעלסטן.

# 9/11 מעמאָריעל ווערט איבערגעפרישט ווערן מיט נייע פּראַקטישע לעמפּלעך

נאָכדעם וואָס ס׳איז ערהאַלטן געוואָרן ׳קאָמפּלעינטס׳ פון עטליכע ווילעדזש איינוואוינער אַז די 9/11 מעמאָריעל געפינט זיך אין אַ נאָכגעלאָזטע צושטאַנד, די לעמפּלעך אַרבעטן שוין נישט און דער סטרוקטור באדארף אן אויפפרישונג, האָט דער מעיאָר באַשטימט אַז דער מעמאָריעל וועט איבערגעפרישט ווערן מיט נייע LED לעמפּלעך וואָס וועט שפּארן עלעקטעריק און ווי אויך אַנדערע רענאָוואַציעס.



### היסטארישע און הארץ - דערפרייענדע ערשיינונג;

# פראַכטפולע "חתונה זאַל" וועט געבויעט ווערן אין בלומינגראוו צו אקאָמאָדירן אידישע שמחות

אין די טעג ווערט ערגענצט די הערליכע פלענער פאר א מאיעסטעטישן און גיגאנטישן חתונה זאל דא אין דער שטאט בלומינגראוו, - דער זאל וועט געבויעט ווערן דורך די היימישע אידישע אייגענטומער פון די "סליפ האטעל" - וואס וועט זיין איינגערישט און אהערגעשטעלט אויף א פרעכטיגן פארנעם, מיט אלע צוגעהערן און איינריכטונגען פאר פרייליכע אידישע שמחות.

דער זאל וועט ווערן געבויעט אויף א בלומינגראוו סטיל, מיט גרויסע שטחים ארום פאר פארקינג צום באקוועמליכקייט פון די בעלי שמחה.

ב"ה אז בלומינגראוו פארמאגט שוין היינט צוטאגס פילע פאמיליעס און יונגע מחותנים וועלכע הייבן שוין אן חתונה מאכן די קינדער בשעה טובה ומצלחת, און דעריבער איז עס א באזונדערע ערווארטונג ווען מען קוקט ארויס אויף די גליקליכע מינוט וואס איז בלומינגראוו וועט אפהילכן דער "קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה".

מיט'ן אהערשטעלן דעם פראכטפולן חתונה זאל וואס וועט געוויס זיין פארנומען נאכט נאך נאכט מיט אידישע שמחות פון תושבי בלומינגראוו און אלע גלילות ארום וועט עס פארוואנדלן די שטילע בלומינגראוו אלץ א "לעבעדיגע" אידישע שטאט, א ריכטיגע עיר ואם בישראל, וואס איז א צוזאמענטרעף פאר אידישע שמחות.

גלייכצייטיג וועט דער זאל אויך קענען באנוצט ווערן פאר "שבת שבע ברכות", וואס וועט געבן די זעלטענע געלעגנהייט פאר מחותנים צו קענען איינקווארטירן אינעם אידישן האטעל די גאנצע פאמיליע פון אלע צדדים, און פראווען א הערליכע חתונה אינאיינעם מיט שבת שבע ברכות ביז זונטאג מיט א געוואלדיגע הרחבת הדעת, און מיט די העכסטע סטאנדארטן פון כשרות, באקוועמליכקייט און רואיגקייט.

אין א באזונדערע אנטוויקלונג ווערט געמאלדן דורך די אייגטומער פון דעם "סליפ האטעל" אויף פארשידענע אנטוויקלונגען ארויפצוברענגן די האטעל אויף א העכערן סטאנדארט, און אויך צוגעפאסט פאר'ן היימישען ציבור, אזוי אויך איז אין פלאן אז עס ווערט דארט איינגערישט ווערן א כשר'ע מהודר'דיגע "אינדאר" שווים באסיין ספעציעל געאייגנט פאר'ן היימישן ציבור. דאס וועט אויפגעשטעלט ווערן אונטער דעם האטעל, נישט צו שטערן דעם שיינעם אויסקוק פארנט פונעם האטעל ארויס צום 208.

**נאר אויף שמחות ביי אידן!**

## וויכטיגע מעלדונג!!

**אין ליכט פון פארגאנגענע פעלער, אויב ברויכט איר צוקימען צו די פאליציי פאר סיי וואספארא נושא**

**רופט די סטעיט פאליס דירעקט ליין אויף**

**845-782-8311**

מיט פארשטענדעניש





**סקיצע פונעם נייעם געפלאנטן חתונה זאל וואס וועט בקרוב געבויעט ווערן אין "סליפ האטעל" אויף א פרעכטיגן פארנעם פארן היימישן ציבור וואס קומט באגלייט מיט גרויסע שטחים צוגענליכע פארקינג לתועלת הציבור**

**• קול מצהלות חתנים מחופתם •**



# אפיציעלע "פלענס" אפּראָווד בס"ד פאַר פערמענאנטע "חברה הצלה" גאַראַזש אין בלומינגראָוו



**נאך לאנגעיארן פון שיקאנירונגען דורך פריערדיגע ווילעדזש אדמיניסטראציע האלט מען שוין ב"ה ביי דעם מאמענט ווען דער נייער וויכטיגער "הצלה גאראדזש" וועט געבויעט ווערן אויף מעריוואלד לעין, הארט נעבן דעם שטח ביהמ"ד החדש דקהל יטב לב ד'סאטמאר ההולך ונבנית**

**יזכר לטובה הרבני הנגיד מו"ה אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, וועלכער האט בנדבת לבו הטוב געשאנקן סיי די שטח און סיי די פאקטישע געבוי פון דעם הצלה גאראדזש וכל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא**

**בוי ארבייט הייבט זיך בעז"ה אן אין געציילטע טעג**



תאו ואתכנשו

שכונת בלומינגראוו יצ"ו

לעצרת התעוררות רבתי

ביום א' פרשת דברים, ב' אב הבעל"ט

בשעה 8:00 בערב

בביהמ"ד זמיגראד

68 Mangin Dr.

ובראשם כ"ק אדמו"ר מזמיגראד שליט"א

המסדרים

פארגאנגענעם זונטאג דברים איז פארגעקומען א עצרת התעוררת אין ביהמ"ד זמיגראד מחזק צו זיין דעם ציבור בנוגע דאס זאגן מאה ברכות יעדן טאג



צוויי באַחנ'טע צאן קדשים מתושבי בלומינגראוו גייען כאפן פיש לכבוד שב"ק ביי לעיק שאור

# "הרחבת גבולי הקדושה" אין זאבליטובער הויף מיט'ן אנהויב פון קאנסטראקציע צו אויפבויען דעם פרעכטיגן בית המדרש החדש המפואר

## מייעסטעטישער בנין החדש פון בית המדרש זאבליטוב בנשיאות הגה"צ אדמו"ר שליט"א, אין האַרץ פון שכונת "לעיק שאור", וועט בעז"ה דינען אלס צענטראלע מקום תורה ותפלה מיט אלע צרכי ציבור פאר דער גאנצער געגנט - כי עתה הרחיב ה' לנו!

**נאך לאנגע חדשים פון פלאנירונגען און לענגלע פראצעדורן און אדאנק די אקטיווע הילף פון ווילעדזש באאמטע און געהילפן צום מעיאר האט מען פארענדיגט און באשטעטיגט די ענדגילטיגע פלענער וואס ערלויבט דעם אנהויב פון דער פאקטישער בוי פראיעקט בשעה טובה ומוצלחת**

**בשעה טובה ומצלחת נאכן פארטיגן "אינטערפינען" דעם עקזיסטירנדן בנין וואס דינט דערווייל ווייטער אלס אכסני' של תורה ותפלה פון בית המדרש זאבליטוב, האט מען אצינד שוין געגאסן די פונדעישאן פאר די נייע מקוה מפוארה, מיט דער שפאנענדע ערווארטונג אז אין די גאר נאנטע וואכן וועט מען אנהויבן גיסן דעם מעכטיגן פונדאמענט פאר דעם בית הגדול והחדש, לשם ולתפארת עירינו המעטירה**







# גרויסארטיגער מעמד "הנחת אבן הפינה" פארגעקומען זונטאג עקב העעל"ט אין וויזניץ-בלומינגראוו הויף אין סאמע ברען פון אנגייענדע קאנסטראקציע אויפצובויען די פרעכטיגע בנינים פאר די ישיבה גדולה וקטנה

## אויפבוי פון גרויסן בנין "ישיבה קטנה וויזניץ" גאלאפירט פאראויס נאכ'ן ערהאלטן נויטיגע בוי-פערמיטן • שטאנדהאפטע יסודות און פונדעישאן

### ווערט דורכגעפירט דורך די בארימטע 'אחים ווייס' פון 'טאָטאַל קאַנקריט'

אין נאך א פריידיגן צייכן פון די גאר היסטארישע הרחבת גבולי הקדושה וואס שפילט זיך אפ פארנט פון אונזערע אויגן, איז די "ישיבה קטנה וויזניץ" שוין צוגעטרעטן צו אויפבויען א שפאגל נייעם בנין הישיבה בתוככי עירינו בלומינגראוו, מיט אלע נויטיגע פערמיטן און ערלויבענישן וואס איז געשאנקן געווארן אדאנק די אינטערווענץ פונעם ווילעדזש.

שוין א שטיקל תקופה וואס אונזער שטאט בלומינגראוו איז פארוואנדלט געווארן אויך אלס א הערליכע צענטער פאר די קהלה נאה וחסודה, קהל ומוסדות וויזניץ בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א, וועלכער איז כסדר מעורר עדת צאן מרעיתו זיך צו אוועקציען פון דער טריפה'נער שטאט און איז גאר שטארק מחזק אינגעלייט זיך צו באזעצן ביי אונז אין דער געגנט.

עס ווערט ערווארטעט אז אין דער נאנטער צוקונפט וועלן זיך דא ארויסציען א שיינער ציבור חסידי'שע אינגעלייט וועלכע וועלן פארמירן א הערליכע וויזניצע חברייא, וואס איז א געוואלדיגע כבוד פאר אונזער שטאט און נאך א שטיינדל אין דעם גאלדענעם קייט פון בלומינגראוו בתפארתה,

אונטער א היימישע סימפאטישע אדמיניסטראציע וואס העלפט ארויס און באגלייט יעדע בית המדרש, יעדע ישיבה, יעדע כולל און אלע אידישע געברויכן, פאר'ן כלל און פאר'ן פרט, מיט אזא שיינקייט.




ארייַנגייענדיג אין דעם חודש אב האט מען שוין געגאסן דעם פונדאמענט פאר דעם בנין החדש פון דער ישיבה קטנה, וואס איז ערמעגליכט געווארן דורך די אקטיווע באגלייטונג און הילף פון דעם ווילעדזש און די באורד מיטגלידער.

זאל טאקע ארויסגעהויבן ווערן דער פריידיגער און היסטארישער מציאות אז דאס איז פאקטיש די ערשטע גרויסע פונדאמענט וואס ווערט געגאסן דא אין בלומינגראוו פאר א אידישע צוועק דורכאויס לאנגע יארן, און נישט בלויז וואס דאס ווערט געבויעט פאר א איד, אן קיין שום שטרויכלונגען און רדיפות, איז דאס למעשה א הייליגער בנין, א לויטערע ישיבה וואו בחורי ישראל וועלן זיצן און לערנען רוב שעות היום אלס א מבצר הרבצת התורה וחסידות.

כה יתן ה' וכה יוסיף.

# בּוֹרֵא עוֹלָם בְּקִנְיָן הַשָּׁלֵם זֶה הַבִּנְיָן












ב"ה

# ביַיגעלייגט געפינט די ווילעדזש בולעטין וואס קומט ארויס רעגלמעסיג און ווערט צושפרייט אין די בתי מדרשים אין בלומינגראוו

# דא האבן מיר צוזאמגענומען די ווילעדזש נייעס פון די פארגאנגענע וואכן

# ליינט און האט הנאה!

## ווילעדזש בולעטין

נייעס • אפדעיטס • אנטוויקלונגען • נאטיצן

## צוויי פרישע טראַסטיס איינגעשוואוירן צו באַדינען די איינוואוינער אויף זייער נייע פאַזיציע



## רע-אָרגאַניזאַציע ווילעדזש מיטינג ווערט אָפּגעהאַלטן ווערן קומענדיגן מאָנטאָג, אַפּריל 12 למספרם

## ווילעדזש בולעטין #3

## ווילעדזש וועט אינסטאַלירן "ספיד באַמפּס" צו פאַרבעסערן ראָוד זיכערהייט פאַר מאָטאָריסטן און קינדער געבענטשטע פאַמיליעס




## "סטאָן געיט" ביזנעס צענטער פראָיעקט גאלאָפּירט פאָראויס וועט בעז"ה ערהאַלטן נייטיגע "עפּראוועל" צו ערמעגליכן קומענדיגע שטאַפּלן ביי קומענדיגן פלענינג באורד מיטינג



## גינסטיגע אנטוויקלונג מיט איפנאמע פון נייע 'דעפּוטי קלורק' אינערהאַלב ווילעדזש אָפיס

## ווילעדזש בולעטין #2

אין אָפּדעיט אַנבאַלאַנגט דאס געזעץ פאַר "האומס און וואַרשיפּ" און "עקסטענשענס" פון פריוואטע הייזער

## לעגאלע פּראָצעדור צו באַשטימען לאַנג – ערוואַרטעטע טוישונגען אין זאָנינג געזעץ פּראָגרעסירט פאָראויס מיט ערפאָלג

לשאלת הרבים און אויף די נאכפראַגע פון איינוואוינער

## ספּעציעלע נאָנפּראָפיט פאַר בלומינגראַווער איינוואוינער וועט אַדרעסירן נייע זאָנינג געזעץ

אין אָפּדעיט אַנבאַלאַנגט די ניי – אינסטאַלירטע "מעריוואָלד וואַסער פילטערעישאָן" פּראָיעקט

## וואַסער פילטערעישאָן סיסטעם שוין אָנגעהויבן אָפּערירן מיט ערוואַרטונג אויף פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין נאָענטע טעג

#2

# ערשטע פאזע פון איבערפרישן לאקאלע זאונינג געזעצן וועט אפיציעל אנאנסירט ווערן ביי ווילעדזש מיטינג די קומענדיגע וואך

ווען צוריקשטעלן אין די "זאונינג" געזעץ, א פאלקאמע ערלויבעניש צו קענען בויען, איבערבויען און רענאווירן טרעפטער און קלענערע בתי מדרשים (דאווענען און וואָרשים) צום באנוץ פון אידישע אייגנטימער

פראצעדור וועט גלייכצייטיג באשטימען די לאנג ערווארטעטע מייס אינגעם געזעץ, וואס וועט ערלויבן פאר יעדן הויז אייגנטימער צו אריינבויען אן "עקסטענשאן" אין דעם וואס מען זאל זיין געצווינגען צו זיצן מיט די פלענער ביים פלענינג באורד פאר לאנגע חדשים און יארן



# "מעריוואלד פילטערעישאן" סיסטעם, א פראיעקט פון די געוועזענע ווילעדזש אדמיניסטראציע, וועט אנהייבן פונקציאנירן אין די קומענדיגע טעג

דער קאסטבארער פילטערעישאן סיסטעם וואס איז אינגעשטעלט געווארן דורך די פריערדיגע אדמיניסטראציע איז שוין איינער פארעדיגט געווארן און וועט אנהייבן ארבעטן צו פילטערן דאס וואסער

עס בלייבט איבער צו באטראכטן וואס בארא אפעקט דער סיסטעם וועט טאקע האבן צו רייניגן די וואסערן פון אונזער געגנט, האפנטליך מיט ערפאלג

# רענאוואציע אנגעהויבן צו פארעכטן אספאלט ביים ראוד פון מענדישן קאר. 208

# ווילעדזש בולעטין

ייעס • אדרעסעס • אנאוינקלונגען • נאטיצן

#2

# ווילעדזש בולעטין

ייעס • אדרעסעס • אנאוינקלונגען • נאטיצן

ריכטיגע ענטוויקלונגען פאר לאקאלע באוואוינער

# רייע פאזיטיווע אפשטימונגען פאר ליכטיגן צוקונפט פון בלומינגראוו דורכגעפירט ביי ערשטע אפיציעלע "רע-ארגאניזאציע" ווילעדזש מיטינג

## פארגאנגענעם מאנטאג טהרה העעל"ט



### איינפאנען פון נייע ווילעדזש באאמטע:

### עלימינירט ביורוקראטישע אקט דורך עאן טעפערווייזער:

### לאנג ערווארטעטע זאונינג טרישונגען:

...

BULLETIN SPONSOR:

PARKWAY BUILDERS

Renovations • Remodeling • New Construction

347-461-3915

hershy@parkwaybuildersnj.com

# ווילעדזש בולעטין

ייעס • אדרעסעס • אנאוינקלונגען • נאטיצן

פעדעראלע און סטעיט רעגירונג און פאנדן:

# באמיאונגען זעצן פאר צו שאפן גרעסערע רעגירונג פאנדן פאר וויכטיגע ווילעדזש געברויכן

ביי יאָהר מוסף בים ראשון:

# פייערליכער יום טוב פון ל"ג בעומר" געפראוועט איף די גאסן פון בלומינגראוו ברוב עם הדרת מלך





# וויכטיגע מעלדונגען

### פראמפטער מעינטענענס

### גארבעדזש

### בעזין - קאוטעס

### ספיד ליטטס

### רעספלעקטארס

ווילעדזש שטאט איבערפרישונג:

# ערפארענער אדוואקאט איינגענומען אלץ ספעשל קאנסיל צו באגלייטן די לעגאלע אינטערעסן פון דער שטאט

# ערשטע פלענינג באורד" זיצונג מיט ניי - ערוועלטע מיטגלידער אריבער מיט ערפאלג

פראפערטי מעינטענענס:

# וויכטיגע אינציאטיוון וועלן אונטערנעמען ווערן צו עטאבילירן וויכטיגע רעוואלוציעס איבער "פראפערטי מעינטענענס" אנצוהאלטן די הויכע ריינקייט ניוואָ פון גענוג

BULLETIN SPONSOR:

Value construction

Renovations & New Construction

Commercial & Residential

845-202-0690

ValueConstructionCorp@gmail.com



ווילעדזש בולעטין
נייעס • אפדעיטס • אנאוינסמענטס • נאטיצן
שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!
סוקסעספולע 'פובליק הירינג' אפגעהאלטן מיט הצלחה שפאנענדיג פאראויס צו עגדילטיג באשטעטיגן פרעכטיגע "הרחבת גבולי הקדושה" אין בלומינגראוו
BULLETIN SPONSOR:
Value construction




ווילעדזש בולעטין
#2
זיצונג מיט באהערדע פון "אראנדזש קאונטי סוער דעפארטמענט" דיסקוסירט וויכטיגע איינצלהייטן פון סוער באנוץ
קאנטראקט געשלאסן צו אינסטאלירן לאנג-ערווארטעטע עלעקטרישע באלייכטונגען לענגאויס 208 ראוד




ווילעדזש בולעטין
נייעס • אפדעיטס • אנאוינסמענטס • נאטיצן
אראנק איבערמידליכע שתדלנות איף א באשיידענעם פארנעם
פינטליכע ביל וואס האט געזוכט צו באשטימען א וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט זאל אפפירן מיט א "וואוד סיסטעם" ווערט רעדוויל ב"ה נישט ארויפגעברענגט אויף די אגענדע אין די סטעיט געזעץ הייזער
ניו יארק סטעיט אסעמבלי באשטעטיגט העסליכע "פרעזערוועישאן טעקס ביל" צו צוימען בליענדע וואוקס פון אידישע געגנטער
BULLETIN SPONSOR:
Value construction




ווילעדזש בולעטין
#2
אן אפדעיט אנבאלאנגט דאס געזעץ פאר "האוזעס און ווארשיפ" און "עקסטענשענס" פון פריוואטע הייזער
לעגאלע פראצעדור צו באשטימען לאנג – ערווארטעטע טוישונגען אין זאנינג געזעץ פראגרעסירט פאראויס מיט ערפאלג
לשאלת הרבים און אויף די נאכפראגע פון איינוואוינער
ספעציעלע נאגפערנעבן פאר בלומינגראווער איינוואוינער וועט אדרעסירן נייע זאנינג געזעץ
אן אפדעיט אנבאלאנגט די ניי – אינסטאלירטע "מעריוואלד וואסער פילטערעישאן" פראיעקט
וואסער פילטערעישאן סיסטעם שוין אנגעהויבן אפערירן מיט ערווארטונג אויף פאזיטיווע רעזולטאטן אין נאנטע טעג

# Village of South Blooming Grove

811 State Route 208 • Monroe, N.Y. 10950 • Phone: 845.782.2600

Dear Village Residents,

Tenants and landlords can apply for the New York State Rental Assistance Program

Tenants that are behind in paying rent and/or utility bills due to a COVID-19 hardship may be eligible for the New York State Rental Assistance Program, which is funded by the federal government and administered in partnership with the County's Departments of Social Services and Community Development.

The funds are available to help those who are up to 12 months behind in back rent, as well as to pay up to three months of future rent, depending on eligibility. Tenants and landlords who are owed rent by individuals may apply for the program. Payments will be issued directly to landlords and utility companies.

Tenants may apply to receive rental and utility bill assistance if, since March 13, 2020 and due to COVID-19, they are behind in payments; have a member of the household who has received unemployment benefits or experienced a reduction in income; and meet income and other requirements. To be eligible, adjusted gross income for 2020 cannot exceed $54,950 for an individual, $62,800 for two-person households, $70,650 for three, $78,500 for four, $84,800 for five, $91,100 for six, $97,350 for seven and $103,650 for eight.

Renters who meet eligibility criteria and landlords who have eligible tenants in arrears are encouraged to apply soon, as funds will be distributed on a rolling basis. The application process opened on Tuesday, June 1st. Information is available at www.orangecountygov.com/2057/Emergency-Rental-Assistance or Orange County residents may call 311.

The County's 311 hotline can also help locate immediate housing for those living in unlivable or temporary conditions, and individuals fleeing domestic violence. The hotline also provides collaborative and professional telephone support and outreach 24-hours a day to anyone in Orange County in need of emotional support, crisis intervention, or connection to food resources.

Truly yours

George Kalaj

Mayor



**שְׂמֵחִים לְשָׁמְרוֹ וּלְעָרֵב עֵרוּבוֹ:**

# תושבי בלומינגראוו איינגעהילט אין גאר א פריידיגע שטימונג מיטן אנהויב פונעם אויפבוי פון דעם לאנג-ערווארטעטן נייעם "צוים עירוב"

## נייע בלומינגראוו עירוב וועט ווערן באהאפטן קיין קרית יואל!

דערמיט וועט אויטאמאטיש געלעזט ווערן אלע תחומין שאלות און עס וועט שאפן א געוואלדיגע קורת רוח פאר אלע תושבים איש וביתו אז מען וועט קענען מטלטל זיין צו קרובים אדער סתם אזוי אויף שמחות!

## נייער עירוב וועט בס"ד ארומנעמען דעם "גאנצע שטאט" אויף א שטאנדהאפטיגן פארנעם איינמאל פאר אלעמאל!

### פילע עסקנים איינגעשפאנט אינעם "ערבתם דרייוו" אפצונעמען די געלטער פון יעדן ראש המשפחה אין שטאט

"ענדליך ענדליך האלט מען שוין דא..." איז דער אויסדרוק פון פילע תושבי עירינו, נאכדעם וואס נאך לאנגע חדשים ארבעט, האבן אלע עסקני עירובין פונעם שטאט זיך פאראייניגט איבערן נייעם צוים עירוב וואס וועט איינמאל פאר אלעמאל ארומנעמען גאנץ בלומינגראוו, און וועט אוועקשטעלן דעם "בלומינגראוו עירוב" שטאנדהאפטיג לשם ולתפארת.

די נייעס פונעם נייעם עירוב איז אין די טעג דער געשפרעך פונעם טאג ביי אלע תושבי העיר, נאכדעם וואס די ארבעט איז שוין אריין אין פולן שוואונג אין וואלד אינטער פענסילוועניע, גייענדיג ווייטער קיין מענגין ראוד.

תושבי העיר זענען געווען שטארק ווארעם אינעם באשטימטן "יום העירוב" ווען דער ציבור האט זיך העפליך משתתף געווען מיט זיין חלק אינעם עירוב פאר זייך "אייגענע טובה" צו האבן א שטאנדהאפטיגע אוועקגעשטעלטע עירוב לאורך ימים ושנים טובים.

בס"ד

עש"ק פר' פנחס תשפ"א לפ"ק

Eirev of Blooming Grove

עירוב בלומינגראוו

בפיקוח רבני העיר שליט"א

**יום בשורה היא לנו**

נאך לאנגע חדשים פון אינטענסיווע ארבעט און פלאנירונג דורכן פאראייניגטן וועד העירוב, צו אהערשטעלן איינמאל פאר אלעמאל א פעסטע דויערהאפטיגע און מהודר'דיגע עירוב דא אין שטאט, וואס ווי פארשטענדליך איז דאס א גאר קאמפליצירטע און דעטאלירטע מיסיע, טוען מיר ברוב שבח והודי' להשי"ת מעלדן די בשורה טובה אז בסייעתא דשמיא איז היינטיגע וואך אנגעהויבן געווארן די פאקטישע בוי-ארבעט פון אינסטאלירן דעם

**נייעם "צוים עירוב"**

**וואס וועט ארומנעמען דעם "גאנצן שטאט", אויף א שטאנדהאפטיגן פארנעם פארן עתיד פון אונזער עיר ואם בישראל**

מיר זענען מתפלל א תפלה צום בורא עולם, אז הרחמן הוא ישלח ברכה במעשי ידינו, מען זאל זיך פאראויסרוקן מיט די ארבעט ווי שנעל מעגליך, און זוכה זיין לברך על המוגמר למען כבוד השבת קודש.



**מיטוואך:** צוים-מאטריאל פאר דעם נייער עירוב אנגעקומען צו פענסילוועניע עוו.



**דאנערשטאג:** פאקטישע בוי ארבעט אריין אין שוואונג בס"ד!

**מודעה נחוצה להסיר מכשול**

גלייכצייטיג זענען מיר מפרסם די פאלגענדע מקומות וואס די יעצטיגע עירובין דעקן נישט און דערווייל דארף מען זיין זייער געווארענט נישט צו טראגן דארט:

1) Mangin Rd – פון ביהמ"ד זמיגראד און ארויפציער.
2) Lake Shore Dr – אינמיטן די גאס נאנט צו Tanager Rd (מען טאר נישט אדורכגיין אויף Lake Shore פון נומבער 311 ביז 322).
3) Fort Worth Pl. – צווישן Dallas Dr און Houston Ave
4) Sears Rd. – פון נומבער 2 ביז Houston Ave
5) Tappan Dr – איז אינגאנצן אינדרויסן פונעם עירוב.
6) Kingsville Dr – די לינקע זייט פון די דעד-ענד ביי נומבער 11 איז נישט אין די עירוב (מען דארף דארט שטארק אין אכט נעמען וואו דער עירוב ענדיגט זיך).

**דער ציבור ווערט דרינגענד געבעטן צו דערמאנען די אינפארמאציע אין שטוב, און אויפמערקזאם צו מאכן פאר אויסשטאטישע געסט וואס ווילן דאהי אויף שב"ק, זיי זאלן וויסן צו זיין אפגעהיטן פון א מכשול.**

פאר אלע אנגעלגנהייטן בנוגע דעם עירוב, ביטע שיקן אן אימעיל צו: **Eirevbg@gmail.com** אדער רופט דעם ספעציעלן נומער פון וועד העירוב.

**וועד העירוב**

הרב **מאיר בערקאוויטש** אב"ד קארליץ, יושב ראש

הר"ר אליעזר ירמי' שמילאוויטש

הר"ר שמעון מרדכי קופטשיק

הר"ר יואל מויזקאפף, סעקרעטאר

**וועד הפועל**

הרב **אהרן מנחם ראלניצקי**, יושב ראש

הר"ר נחמי' הערצאג

הר"ר אהרן יואל ראלניצקי

**הרב בערל מרגליות**, מזכיר

385.381.0950

Eirevbg@gmail.com

**כל השומר שבת כהלכתו נותנים לו נחלה בלי מצרים**

# קריאת קודש

## מרבני עירנו שליט"א

# לטובת העירוב החדש

### אל מע"כ תושבי עירינו החשובים כ"א בשמו הטוב יבורך הי"ו

תהלה לקל יתברך נתרחבו גבולי הקדושה בעירנו פה ק"ק בלומינגראוו יצ"ו ובתוכו כמה מאות תושבים היראים וחרדים לדבר ה' הולכים בתום בדרך הסלולה לנו, ומעמידים בתים נאמנים לה' ולתורתו, וכל רואיהם יכירום ויגידום כי זרע ברך ה' המה, לאות ולמופת.

והנה כי כן זה כמה שנים אשר עסקנים נכבדים עסקו בתיקון עירובין פה עירנו כדת משה וישראל בכל העיירות, למען לא יכשלו באיסור הוצאה ח"ו וכהלכות גוברין יהודאין. אמנם מכח הסיבות כידוע לא היה היכולת עד עתה לתקן העירוב באופן חזק ומועיל, כפי הראוי והיאות לעיר הגדולה לאלקים, והיה בזה כמה עיקולי ופשורי כאשר נקרע העירוב לעתים תכופות, והיה יכול לגרוע החזקת כשרות של העירוב. ומה גם שהחזקתו היה כרוך בהתאמצות יתירה וטירחא מרובה והוצאת ממון מדי שבוע בשבוע שא"א להמשיך בזה. ויש גם כמה מקומות שהעירוב עובר ומסתיים באמצע הרחוב, באופן שיכולים לבא מבלי משים למכשול ח"ו.

**לכל זמן ועת לכל חפץ, כעת אשר נהפוך המצב לטובה בקרב העיר ונתרבו התושבים בכל פינות העיר כה יתן ה' וכה יוסיף, נתהוה האפשרות לשכלל העירוב על תיקונו בעזרת השי"ת. וזה איזה חדשים אשר נתועדו יחדיו כל עסקני העירובין דפה, בצותא חדא עם רבני העיר שליט"א, וישבו שעות רבות לטכס עצה ולהביא לידי גמר עירוב מהודר ביותר, אשר יעמוד תחת פיקוחם של כל רבני עירנו שליט"א, ותהא בנוי במחיצות גמורות אשר יעמדו ימים רבים, באופן היותר מועיל בכל ההידורים, בלי שום חשש מכשול ותקלה, ולצאת ידי חובת כל הפוסקים, ובמיוחד שיטת הרמב"ם, כמבואר בשו"ע (סי' שס"ב סעיף י), וכפי הנהוג זה רבות בשנים בעיר עוז לנו קרית יואל יצ"ו, ומעטים כדוגמתו בעולם.**

מה נכבד היום הזה לתושבי עירנו, יום בשורה הוא לנו, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, זה היום קוינו לו, רבים אומרים מי יראנו טוב, שיהיה בתוך שכונתינו עירוב מהודר כדת וכדין, עטרת תפארת לעירנו אשר שמו הטוב הולך לפניו, ונודה לה' על רוב רחמיו וחסדיו, ועל דרך שאמרו חז"ל (מסכת שבת דף י"ד ע"ב) בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצאה בת קול ואמרה, בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני, ע"כ.

כמבואר בספרי הפוסקים חובת תיקון עירובין הרי הוא מונח ועומד על תושבי העיר כשאר צרכי העיר, ונודע דבריו הקדושים של רבן של ישראל מרן החתם סופר זי"ע בספרו (שו"ת חת"ס או"ח סימן צט) ראוי ונכון לכל קהל ישראל בכל מקומות מושבותיהם לתקן מבואותיהם בתיקונים צורת הפתח או שארי תיקונים כיוצא בו, דבר זה אינו צריך לפנים ולראיה, והוא מן השכל ומן המבואר להדיא בדברי חז"ל וכו', והברכה על מצות עירוב הוא על מצות התיקון הגדול הלז להשמר מאיסור הוצאה, עיי"ש.

**לעת עתה כאשר זכינו לזה, לתקן התיקון הגדול הלז מיד ולדורות, וההוצאות גדולות עד מאד, להעמיד העירוב על מכונו ועל תלו כראוי וכנכון ראינו לנכון לפנות לכל תושבי עירנו החשובים כל אחד בשמו הטוב יבורך, אשר אחריות עתיד עירנו יקר בלבבם**

## שכל תושב עירנו, ירגיש בנפשו חובת השעה ויטול חלקו בהעמדת העירוב, וירים תרומת ה'

# — בסך $1200 —

## כפי שנקצב ע"י רבני העיר שליט"א לכל ראש משפחה באופן יוצא מן הכלל, למען חיזוק השבת קודש מקור הברכה

## במיוחד יעלה בקשתינו לבעלי היכולת מקרב התושבים שינדבו סכומים הגונים כיד ה' הטובה עליהם

ובכך זכות תיקון העירוב, עלינו ועל דורתינו, יזקף לזכות כל אחד ממכם, חלק כחלק יאכלו.

**מפורסם מפי רבותינו הק' הצדיקים אשר בארץ המה, ובמיוחד מרן הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, מרן הרה"ק הייטב לב זי"ע, רביה"ק מסאטמאר זי"ע בעת יסוד קרית יואל, כי ליטול חלק בהוצאת תיקון עירובין הרי הוא סגולה נכבדה ביותר לכל הישועות ובפרט להפקד בזש"ק, ושכרו שמור בזה ובבא.**

**ואנו תפלה לקל עליון שבשכר נטילת חלק בתיקון עירובין תזכו להניח ברכה לתוך בתיכם נחלה בלי מצרים,**

**וברכת השבת תעמוד לכם, שתזכו לבנים ובנות יראים ושלימים ולגדלם בנחת ובניקל לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך בריות גופא ונהורא נפישא, פרנסה בהרחבה בניקל ובדרך כבוד, אריכות ימים ושנים טובים דשנים ורעננים, והקב"ה ימלא כל משאלות לבכם לטובה.**

תקותינו איתנה כי קול קריאתנו יתקבל על לבכם, וחפץ ה' בידינו יצליח ככל משפטו וחקתו, ובזכות שמירת שבת נזכה במהרה להגאל גאולת עולם, גם שאו ידיכם קודש ואמרו לקל, ברוך ה' אשר נתן מנוחה לעמו ישראל, אוהבי ה' המחכים בבנין אריאל בב"א

ועל זה באנו על החתום לטובת תושבי העיר

**בחודש מנחם אב תשפ"א לפ"ק פה בלומינגראוו נ.י. יצ"ו**

לפי סדר שכונות העיר

**שכונת מאונטעין-קליף**

בן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א

ראש ישיבה גדולה אהל תורה

**שכונת קעפיטאל הילל**

אדמו"ר מצאנז זמיגראד

אב"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר -בלומינגראוו

ראה"כ תורה ויראה ד'סאטמאר -סניף קליימער

אב"ד קאזאווע

- הנהלת ביהמ"ד ברסלב -

**שכונת ווארלי הייטס**

אב"ד מאורות נתן ראדאוויץ

אב"ד קרעמניץ

אדמו"ר מקאזניץ

אב"ד קארניץ

מבאניע נאדווערנע

- הנהלת ביהמ"ד ריבניץ -

**שכונת לעיק שאור**

אדמו"ר מזאבליטוב

הנהלת ביהמ"ד פוזנא

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

### השמחת משך החדשים האחרונים העעל"ט

כ"ק מרן **אדמו"ר מצאנז זמיגראד** שליט"א
ולבנו הגה"צ מוה"ר **חיים שלמה** שליט"א
לרגל אירוסי נכדו/בנו ותגלחת נכדו למז"ט

הגה"צ **אדמו"ר מקאזניץ** שליט"א
לרגל הולדת נכדו למז"ט

הגה"צ **אב"ד ראדאוויץ** שליט"א
לרגל הולדת נכדתו / הכנסת נכדו לעהתומ"צ

הגה"צ **אב"ד קרעמניץ** שליט"א
לרגל אירוסי והולדת נכדתו למז"ט

הגה"צ ר' **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
ראה"כ תורה ויראה דסאטמאר קליימער
לרגל הולדת בתו למז"ט

◆ ◆ ◆

מוה"ר **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
טראסטי ודעפיוטי מעיאר של עירנו
לרגל נישואי בנו / הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **אברהם בער יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו / הכנסת נכדו לעוהתומ"צ למז"ט

מוה"ר **זלמן לייב יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יצחק דניאל ג'ברא** הי"ו
לרגל הולדת נינו / נכדו למז"ט

מוה"ר **משה דוד ווייסבערג** הי"ו
לרגל נישואי / הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **מאיר טייטלבוים** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **דוד לייבוש יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **מענדל הכהן ראזענבערג** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **שמואל ארי' מיללער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **נחום חיים שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יוסף לעווי** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל הולדת נכדו ונכדתו למז"ט

מוה"ר **שאול יודא מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו / הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

מוה"ר **טובי' מאיר אינדיג** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

מוה"ר **עמרם נתן פעלבערבוים** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו / נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **שלמהיקותיאלהערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

מוה"ר **שלמה חיים פילאפף** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

מוה"ר **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **משה ברי"ו פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **אברהם יעקב מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

מוה"ר **יוסף גאנץ** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו / ואירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **יואל סאאל** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **יודל נאה** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל הולדת נכדו / נישואי בתו למז"ט

◆ ◆ ◆

מוה"ר **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **ישראל שלמה פריעדלענדער** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **יואל** ברי"ב **זילבערשטיין** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **מנחם ישעי' לעווי** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **ברוך שטעסל** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **נחום יואל שטערנפעלד** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה חיים פילאפף** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **משה קרויס** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **נתן לעווי** הי"ו
לרגל נישואיו למז"ט

◆ ◆ ◆

מוה"ר **משה האלפערן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יהושע אלימלך ביטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו / תגלחת בנו למז"ט

הר"ר **שלמה פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה יודא איידליס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה יואל פעקעטע** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף גאטערער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמואל זלמן ברייער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה אברהם פישער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל** בר"י **פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **ישראל חיים הירש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יוסף גאטהערער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מנחם מענדל פיקסלער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **מאיר הערש שטיין** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הרב **משה וואלף פאנעט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יצחק מרדכי האלפערט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **וואלף גאלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **ישעי' בראך** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמשון אליעזר פערענץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **גדלי' פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו / תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שלמה יאזעפאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אליעזר זוסיא ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יונה שווארץ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם קלעפנער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יודא לייבוש אייזנער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שמעון ניישטאדט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **פנחס משה וויזער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **נחמי' הערצאג** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **שלום יצחק שעהר** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אייזיק פריעד** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

◆ ◆ ◆

מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יודל וויינבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל פעלדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **ירוחם יאקאב** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה וכל טוב סלה**

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

## השמחת משך החדשים האחרונים העעל"ט

מוה"ר **הערשל פרידריך** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **בנציון יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יצחק בער רייכמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אייזיק שניטצלער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יוסף ראזענפעלד** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **חיים יעקב גאלדשטיין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יוסף אלי' האראוויץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **מאיר דוד ג'ברא** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמעון ברייער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמעון גדלי' יואל קרעמער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל שעהר** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יצחק פנחס עסטרייכער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יעקב הלל יונגרייז** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל יושע ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל קויפמאן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **יואל בר"י קליין** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

הר"ר **יעקב וואגשאהל** הי"ו
לרגל הולדת בתו / הכנסת בנו לעהתומ"צ

♦ ♦ ♦

מוה"ר **חיים הערש לעווי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **אהרן יואל ראלניצקי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **אברהם וואנחאצקער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **אברהם פריעדמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **נחמי' הערצאג** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **שלמה נטע מאשקאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **יעקל ליכטענשטיין** הי"ו
לרגל הכנסת בניו התאומים לעהתומ"צ

מוה"ר **יוסף הערמאן** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **אהרן הערש אינדיג** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

♦ ♦ ♦

מוה"ר **שמואל דייטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל הלוי ווערצבערגער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **שמעון ישראל ראטטענבערג** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **קלמן וואלף הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **אלעזר הלוי גרובער** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יעקב יודא לעבאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **שמעון יואל שטעסל** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

**יזכו כולם לראות רב נחת דקדושה וכל טוב סלה**

### צו די "שטימע" רעדאקציע

א גוט יאר חשוב'ע רעדאקציע פון אונזער באליבטע בלומינגראוו שטימע.

כ'האב געוואלט אויפמערקזאם מאכן דעם חשוב'ן ציבור אז ווען מ'שיקט פאסט אין בלומינגראוו אנשטאט צו שרייבן Monroe NY 10950 אונטערן אדרעס, קומט אין אמת'ן אריין צו שרייבן Blooming Grove NY 10950 נאר וויבאלד די מאנרא פאסטעל סערוויס טוט אויך סערווירן בלומינגראוו, דערפאר קומט אן די פאסט אפילו עס שטייט מאנרא, כאטש באמת דארף צו שטיין בלומינגראוו.

ברוב הימים ווען עס וועט בס"ד צוקומען הונדערטער ביזנעסער און טויזנטער הייזער אין די געגנט וועט די פאסט אפיס מעגליך אפטיילן מאנרא פון בלומינגראוו, און אפשר גאר דעזיגנירן א עקסטערע זיפ קאוד פאר בלומינגראוו, וואס דאן וועט מען שוין מוזן אזוי שרייבן.

עכ"פ למען הפונטקליכקייט איז גוט דער עולם זאל זיך צו געוואוינען און אנהייבן שרייבן Blooming Grove NY 10950 ביי אלע פאסטעל סערוויסעס וואס מ'נוצט, וואס טוט ריכטיג רעפלעקטירן אונזער וואוינארט.

ומדי דברי, אויב איז מעגליך אז די שטימע זאל ארויסקומען אפטער און אנקומען אויף די פאסט צו די וואקסענע צאל בליעה"ר וואס ציילט זיך העכער 400 כן ירבו, לויט ווי מ'הערט לעצטנס זענען דא שווערע צענדליגע הייזער יעצט אין קאנטראקט וואס אידן וועלן קלאויזן און אריינמופן בשעטומ"צ וועט עס מסתם בקרוב ארויפגיין צו 450 בליעה"ר און אום תשפ"ב ווערט דאס פארגעזעהן צו קרוב צו חמש מאות תושבי בלומינגראוו והגלילות כ"י.

חזקו ואמצו כה לחי.

* * *




# שטימע קאַסטן
## בריוו צו דער רעדאַקציע

מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

אין דעם קאָלום וועלן אי"ה ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.

אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.

שרייבט צו דער רעדאַקציע:
**Mail@Shtima.com**


## וויכטיגע דערמאנונג!

אויב האט מען פארלאנגט פון אייך ארייננצושיקן אייער

## Proof of Residence

פאר די רעגיסטראציע פון וואשינגטאנוויל טראנספארטעישאן פאר די קומענדיגע סקול יאר 21-'22 למספרם און איר האט דאס נאכנישט מסדר געווען ביטע שיקט דאס אריין תיכף ומיד צו:

Vanessa Sanchez / Central Registrar
Washingtonville Central School District
52 W. Main St. Washingtonville, NY 10992
(P) 845-497-4046 (F) 845-497-4032
Email: vsanchez@ws.k12.ny.us

ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

ארייננצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער
מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו, א.ד.ג. ביטע זיך פארבינדן
מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו: Mail@shtima.com

הר"ר **חיים מאיר האגער** שליט"א
ר"מ בישיבת וויזניץ בלומינגראוו
בן כ"ק **אדמו"ר מוויזניץ וויליאמסבורג** שליט"א
וחתן כ"ק **אדמו"ר מוויזניץ בית שמש** שליט"א

הר"ר **ברוך הלברשטאם** הי"ו
בן הרה"ג ר' **חיים שלמה**
חתן הרה"ג ר' **שמעון לייכטאג**
נכד כ"ק **אדמו"ר מזמיגראד** שליט"א

ר' **יודל נאה** הי"ו
ב"ר **יצחק** ע"ה • חתן ר' **הערשל ראלניצקי** ע"ה

ר' **יעקב הלל יונגרייז** הי"ו
ב"ר **מרדכי שלמה** • חתן ר' **יודל נאה**

ר' **אברהם דאסקאל** הי"ו
ב"ר **מאיר וואלף** • חתן ר' **חיים הערש נאווי**

ר' **וואלף גאלדמאן** הי"ו
ב"ר **משה** • חתן ר' **יוסף לאנדא**

ר' **יואל וואלף גראד** הי"ו
ב"ר **שלום אליעזר** • חתן ר' **עמרם נתן פעלבערבוים**

ר' **ישראל שלום גוטמאן** הי"ו
ב"ר **בערל** • חתן ר' **דוד לייב לעפקאוויטש**

ר' **אליעזר זוסיא ווייס** הי"ו
ב"ר **משה** (ב"ר בנציון) • חתן ר' **חיים הערש נאווי**

ר' **יצחק** (אייזיק) **ראזנבערג** הי"ו
ב"ר **משה דוד** • חתן ר' **מענדל קליין**

ר' **חיים אלטר ניימאן** הי"ו
ב"ר **ישראל** • חתן ר' **וואלף גאלדנבערג**

ר' **שמחה בונם פארטוגל** הי"ו
ב"ר **בנציון** • חתן ר' **אלעזר ארי' יונגרייז**

ר' **יודל שמילאוויטש** הי"ו
ב"ר **ניסן מאיר** • חתן ר' **שמעון סאמעט**

ר' **אפרים זעלקאוויטש** הי"ו
ב"ר **צבי יעקב** • חתן ר' **פנחס קעללער**

ר' **יונה רוב** הי"ו
ב"ר **יקותיאל זושא** • חתן ר' **יושע נייהויז**

ר' **אהרן מנחם שווארץ** הי"ו
ב"ר **אברהם וואלף** • חתן ר' **משה אברהם ברוין**

ר' **ירמי' לעווי** הי"ו
ב"ר **מנחם דוב** • חתן ר' **שלמה זלמן ברוין**

ר' **מאיר חיים פישער** הי"ו
ב"ר **יהושע** • חתן ר' **ירמי' זיגעלמאן**

ר' **שלמה גלאנדויער** הי"ו
ב"ר **יצחק** • חתן ר' **בנימין מאשקאוויטש**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און נייע אידישע הויז אייגענטומער,
איז מעגליך אז מיר האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע, ביטע איינמעלדן צו די רעדאקציע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה


BULLETIN SPONSOR:
Value construction
Renovations & New Construction
Commercial & Residential
Renovations & New Construction
Commercial & Residential
845-202-0690
ValueConstructionCorp@gmail.com



BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949



PRSRT STD
US POSTAGE
PAID
PERMIT 70
MONSEY NY